№ 92 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

לאדזשער טאגעבלאט

עדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47 | מיטוואך, י"ח ניסן תרפ"ז | 20 kwietnia 1927 r. | צוואנציגסטער יאהרגאנג.

א דריטע רעגירונג אין כינע.

גענ. שעק רייסט זיך אפ פון קאנטאז און שאפט אנ'אייגענע רעגירונג אין נאנקין.

לאנדאן, 19 אפריל (פאט) צווישען רעלעטען און ליגקען פליגעל פון דער פארטיי קאמינטאנג איז געקומען צו א פארמעלע שפאלטונג. דער קאמענדירענדער גענעראל פון שאנגכאי שעק האט צו אויפגערופען א קאנפערענץ, וואו עס איז שטארק קריטיקירט געווארען די מעטאדען פון דער קאנטאנער רעגירונג, וועלכע האט פערארורזאכט, אז די באלשעוויסטען זאלען בעקומען א גרויסען איינפלוס אין דרום-כינע. אויף דער קאנפערענץ איז בעשלאסען געווארען אבצורייסען זיך פון קאנטאן און צו גרינדען אין דרום-כינע א נייע רעגירונג, וועלכע וועט זיך געפינען אין נאנקין.

שאנכאי, 19 אפריל (פאט) מיט טרען מאנ פערערגערט זיך די סיטואציע. די גאנצע פראווינץ מראנג-סו געפינט זיך אונטער דער קאנטראל פון די קאמוניסטען, וועלכע פערפיינינגען די געסיגע מיטגלידער פון קאמינטאנג און אקאגראפירען אב זייערע קרבנות, ארויסשטעלענדיג זיי אויף די עפענטליכע פלעצער מיט אבגעהאקטע קעפ. צו ליב דער גרינדונג פון דער נייער רעגירונג פון גענעראל שעק אין נאנקין האט זיך די אגארכיע אין לינגע נאך מעהר פערגרעסערט. אינצט עקזיסטירען דריי רעגירונגען, וועלכע פיהרען צווישען זיך א נעגענזייטיגע מלחמה. פון א סך פראווינצען קומען אהין ידיעות וועגען נייע אנפאלען אויף אויסלענדער. די אויפרעגונג אין נאנקין איז זעהר גרויס. 36 אויסלענדישע קריגס-שיפען שטעהען גרייט צום קאמף.

די קאנטאנער רעגירונג האט פערעפענט ליכט 3 דעקרעטען. און ערשטען דעקרעט ווערט ערקלערט, אז דער גענעראל שעק האט בעקומען דעמיסיע און עס איז ארויס א בעפעהל איהם צו ארעסטירען. דער צווייטער דעקרעט ענטהאלט א נאמינאציע פון קרימינאלען גענעראל פענג אלס שטעלפערטרעטער פון גענעראל שעק אין דריטען דעקרעט ווערט גע מאלדען, אז די קאנטאנער רעגירונג האט איבערגעריסען אלע בעציהונגען מיט נאנקין און שאנגכאי.

די לויה פון דעפ. פערל אין ווארשא.

ווארשא, 19 אפריל (טעלעפאניש) היינט 2 נאכמיטאג איז פארגעקומען די לויה פון בעוואוסטען פעפעסישען מיטער רעפ. פעליקס פערל. אין דער לויה האט זיך בעטייליגט אנ'עולם פון א פאר טויזענד מאן און עס זענען געטראגען געווארען רויטע פעהנער פון פפ"ס. צווישען עולם האט מען בעמערקט די אנגעזעהענסטע טוער פון פפ"ס ווי אויך פארשטעהער פון סיים מיט'ן מארשאלעק ראטאי בראש. עס האבען זיך אויך בעטייליגט פארשטעהער פון דער נארמאליזאציע מיט די גענעראלען דרעשער און ראזשען בראש. אויפ'ן יודישען בית-עולם, וואו עס איז פארגעקומען די קבורה זענען געהאלטען געווארען איניגע רעדעס וועגען די פערדינסטען פון פערשטארבענעם לטובת דער פארטיי און דער מלוכה. א שענע און אינהאלטסרייכע רעדע האט געהאלטען דער אלטער פיהרער פון פפ"ס דעפ. דאשינסקי.

די אונטערהאנדלונגען וועגען דער הלואה וועלען בקרוב פערענדיגט ווערען.

פאריז, 19 אפריל (סט.) „מאטען" מעלדעט, אז די אונטערהאנדלונגען וועגען א פוילישע הלואה אין אמעריקא וועלען בקרוב געענדיגט ווערען. פוילען וועט בעקומען 70 מיליאן דאלאר. די הלואה זאל טראגען א קאנסאלידאציאנס-כאראקטער.

ד"ר נעמיראווער נעמט אנטייל אין דער דיסקוסיע וועגען דירות-געזעץ.

בוקארעשט. (י.ט.א.) אויף דער לעצטער זיצונג פון סענאט האט דער יודישער רעליגיעזער פארשטעהער אין סענאט ד"ר י. נעמיראווער גענומען אנטייל אין דער דיסקוסיע וועגען דירות-געזעץ און געפאדערט, אז עס זאלען ארויסגענומען ווערען אויסנאהמען צום געזעץ, לויט וועלכען די יודישע רבנים, שוחטים, חזנים, שמשים א. א. וו. זאלען בעטראכט ווערען אלס מלוכה'שע בעאמטע און זאלען געניסען פון די פריווילעגיעס פון'ם געזעץ, וואס ווערען געגעבען אלע בעאמטע. זיין אויסבעסערונג איז אנגענומען געווארען.

באנדיטען-אנפאל אויף א פאסט-וואגען.

ערמארדעט דעם פאסט-בעאמטען און ערכאפט 600 זל.

לובלין, 19 אפריל (א.וו.) נעכטען נאכמיטאג איז פארגעקומען א באנדיטען אנפאל אויפ'ן פאסט-וואגען, וואס איז געגאנגען נאך קראשניק. די באנדיטען האבען ערמארדעט דעם פאסט-בעאמטען צוזאמען מיט'ן געלד מיט די בריוו זע נען זיי נעלם געווארען. ווי עס איז שפע טער פעסטגעשטעלט געווארען האט דער פאסט-וואגען מיט זיך געפיהרט 550 זל. און 90 פראנק. די פאליציי איז נאך ביז איצט נישט געפאלען אויף די שפו רען פון די מערדער.

זשאבאטינסקי אנ'אנהענגער פון דער לאטיינישער טראנסקריפציע פון דער העבראישער שפראך.

ירושלים, (י.ט.א.) דער העבראישער שריפטשטעלער און פערלעגער בן-צבי' א זוהן פון בעקאנטען העבראישען פילאלאג בן-יהודה, וועלכער האט לעצטענס ארויסגעגעבען דעם „שיר השירים" און אנדערע ווערק מיט לאטיינישע אותיות האט בעקומען א בריף פון חל. זשאבאטינסקי אין וועלכען ער הייסט ערפאלג דעם נעדאנק פון דער לאטייני שער טראנסקריפציע אין דער העבראאישער שפראך און טיילט מיט, אז אויך דער פאעט יעקב כהן און ד"ר בערנהיימער זענען הייסע אנהענגער פון דער דאזיגער רעפארם.

באהן-קאטאסטראפע אין אסטראוויעץ

6 וואגאנעם און א לאקאמאטיוו פון א משא-צוג צושמעטערט געווארען. — באהן-קאנדוקטאר שווער פערוואונדעט.

ווארשא, 19 אפריל (טעלעפאניש) נעכטען ביינאכט איז ביי אסטראוויעץ פארגעקומען א גרויסע באהן-קאטאסטרא פע. א מאגעווירענדער משא-צוג איז מיט'ן גאנצען אימפעט ארויפגעפאהרען אויף א צווייטען משא-צוג, וואס איז גע שטאנען אויף דער באהן-סטאציע. די פאלגען פון צוזאמענשטויס זענען געווען שרעקליכע. דער לאקאמאטיוו פון מאנעווי רירענדען צוג איז ארויפגעפאלען אויפ'ן ראדיוס און צוויי וואגאנעם זענען צושמע טערט געווארען. און צווייטען צוג איז דער חורבן נאך גרעסער. עס זענען צו שמעטערט געווארען 16 וואגאנעם. דער קאנדוקטאר איז געווארען שווער פער וואונדעט און מען האט איהם אבגע פיהרט אין שפיטאל. צום גליק זענען ניט געווען מעהר קיין קרבנות, ווייל די דיי נערשאפט האט בעצייטענס בעוויזען ארויסצושפרינגען פון די צוגען.

די פערניכטעטע וואגאנעם האבען פערשטעלט די ליניע, און די באהן-קאמוניקאציע איז איבערגעריסען געווארען. היינט 12 בייטאג איז ערשט די ליניע צוריק געעפענט געווארען פאר'ן פער קעהר.

לכבוד חול-המועד

היינט אין „לאדזער טאגעבלאט"

4 וויכטיגע ארטיקלען:

ד"ר א. קאראלניק
„וועגען רומעניען און די יודען".

ראובן ברײנין
„יודען און אראבער אין היינטיגען מצרים".

גרשם באדער
ווייטערער קאפיטעל: „פראנס, דער פערפיהרער פון די פוילישע יודען".

מאיר הערץ
פאלקס-מעשה'לע וועגען נפטר געווארענעם ראדאשיצער רבי'ן זצ"ל.

חוץ דעם

„ווער זענען די 2 מערדער פון פרעזידענט ציגארסקי"?

גרעסטע סענסאציע!!!

אין פרייטאג-נומער פון „לאדזער טאגעבלאט"

קומט ווידער אמאל פיל וויכטיגע נייעס!!!

כוואליפיצירטע
שטרימף-ארבייטער
ווערען געזוכט אין דער מעכאנישער שטרימף-פאבריק פאנסקא 27 בא האפמאן. 1636

צו א טעאטער-אונטערנעמונג
ווערען געזוכט פרויען און מענער מיט שיינע שטימען
מעלדען זיך טעגליך פון 7 ביז 8 אווענד
אנדזשעיא 7, ח. 19, צו הענעך קאז.

Dr. Różaner
ספעציאליסט פאר הויט-וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע.
היילונג מיט קווארץ-שטראהלען און דיאטערמיע
Dzielna 9 (Narutowicza)
טעל. 28-98.
פון 8—10, 5—8. פרויען 3—4.

Dr. med. L. Pikielny
ספעציאליסט פאר נירען- בלאז- און אורין-קראנקה
נעמט אן פון 4—7 נאכמ.
נאווראט 8, — טעל. 19-90.

Dr. med. Ludwik Rapeport
P. Narutowicza 25 (דזיעלנא) Tel. 44-10
ספעציאליסט פאר נירען-, בלאז- און הארן-קראנקהייטען

גאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 81 יאהר אונזער טייערע און גישט-פערגעסליכע מוטער, שוועגערין טאנטע און בעקאנטע

נ"ע **רחל** אשת ר' זעליג ע"ה **פרענקעל**

די לוי' קומט פאר היינט, מיטוואך, ב' דחוה"מ פסח 2 א זייגער נ"מ פון טרויער-הויז גדאנסקא 63 (דלוגא) וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

עס קלינגט שוין איז גאנץ לאדז,
אז אלער ארט ביטעס, פאדאניעס, רעקורסען, אפעלאציעס און אלע געריכטס-פינאנס-אדמיניסטראטיווע און קאמונאלע אינסטיטוציעס ווערן אמבעסטען, אמביליגסטען און אמשנעלסטען ערלעדיגט אין ביורא

„פאלאניא" אלעיא 1 מאי 7.

וויכטיגע בעמערקונג: טעגליך פון 5 ביז 7 ווערען ערטיילט עצות און אנווייזונגען אין אלע שטייער-אנגעלעגענהייטען דורך ה' לעאן שווייצער.
— איבערזעצונגען: האנדעלס- און פריוואט-קארעספאנדענץ, קאנטראקטען. — פראטעסטירטע. וועקסלען ווערען אנגענומען אויפצומאנען מיט אייגענע קאסטען.

צענטראלער סוחרים און פאבריקאנטען-פערבאנד
אויף דער לאדזער וואיעוואדזטווע, פיעטריקאווער 10
היינט, מיטוואך, ד. 20. ד. ח. 8 א זייגער אווענד קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל
אנ'אויפקלערונגס-פארלעזונג
פון ה' **שטיינבערג,**
אינספעקטאר פון דער איטאליענישער לעבענס-פערזיכערונגס-געזעלשאפט, וועלכער וועט רעפערירען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון לעבענס-פערזיכערונג פאר יעדען יחיד.
צוליב דער וויכטיגקייט פון דאזיגען ענין, קומט מאסענווייז!
די פערוואלטונג.

צענטראלער סוחרים און פאבריקאנטען-פערבאנד
אויף דער לאדזער וואיעוואדזטווע, פיעטריקאווער 10
היינט, מיטוואך, ד. 20, ד. ח. 8 א זייגער אין אווענד קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל
אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער לעדער-סעקציע.
מיר בעטען אלע גארבער און לעדער-סוחרים פינקטליך און צאהלרייך צו ערשיינען.
די לעדער-סעקציע ביים צענטער. סוחרים- און פאבר.-קאנטען-פערבאנד.

Dr. med. Feldman
פרויען-ארצט און אקושער
נעמט אן פון 6½—3½
Cegielniana 46, tel. 32-88.

Dr. med. Braun
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און וועגערישע קראנקהייטען און מענער שוועכע.
בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (הער-אויספאל)
23 פאלודניאווא 23
טעל. 40-26
נעהמט אן פון 9—11 און פון 5—8 נ. אוונט.

ווער זענען די צוויי מערדער פון פּרעזידענט צינאַרסקי?

מיטאַרבייטער פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט" בעזוכט די פאַמיליע פון די מערדער און דערוויסט זיך פיל וויכטיגע איינצעלהייטען, וואָס וואַרפען אַ ליכט אויף דער שוידערליכער מאָרד-טאַט.

I.

דער ערשטער מערדער אַבראַם וואָלאַשטשיק.

אויפ'ן באַלוטער מאַרק געפינט זיך אַ קליין הייזעל, וואָס איז נישט אויסשטאַנד צו פאַרשטעלן דעם הויף מיט זיין גרויסקייט. אַ פאַרקאַ איז דערנעבן צוגעשטעלט צום הייזעל און צוזאַמען פאַרשטעלן זיי אַ שמוציגן ענגען רוים, וואָס ווערט אָנגערופען „הויף".

אויפ'ן צווייטען שטאָק, האַרט נעבן דאַך, געפינט זיך אַ קליין שטיבעל. דאָ, פאַרבאָהאַלטען די שכנים, האָט געוואוינט דער מערדער פון פּרעזידענט צינאַרסקי, אַבראַם וואָלאַשטשיק. וואָלאַשטשיק האָט דאָ געוואוינט צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַ רעדוצירטע פאַבריקס-אַרבייטערין, און 2 קינדער: אַ מיידעל פון 2 יאָהר און אַ זוהן פון 8 חדשים.

דאָס עלענד און די נויט וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען. ענג, שמוציג, פינצטער. די ווענד זענען טונקעל און אַ גרינע פליסיגקייט פון אויבען, בעקאַנטע באַלוטער „ווילגאָטש" רינט אויף זיי. דאָס דאָזיגע קליינע שטיבעל, גרויס אַ חדשים. פריהער האָט ער געוואוינט דאָרט אַליין. דאָס שטיבעל געהערט איינענטליך צו פרוי וואָיטשעכאָווסקאַ, אַן אַרבייטערין, וועמענס מאַן איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געשטאָרבען פון שווינדזוכט. אין שטיבעל זענען פאַראַן 3 בעטלעך. צוויי בעטלעך געהערען צו דער אמת'ער בעל-הבית'טע פון דער וואוינונג, צו פרוי וואָיטשעכאָווסקאַ, און איין בעטעל האָט געהערט צום מערדער. אין דעם איינציגען בעטעל זענען געשלאָפען נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי 4 פּערזאָן: דער מערדער, זיין פרוי און די 2 קינדער.

דירה-געלד האָט די פאַמיליע וואָלאַשטשיק געצאָהלט נאָהנטע 80 גראָשען אַ וואָך. און די דאָזיגע סומע, דערצעהלט די פרוי וואָיטשעכאָווסקאַ, איז שווער געווען אַרויסצובעקומען פון סיבלאָקאַ־צער, ווייל ער האָט זי זעלטען-ווען פאַרמאָגט. אַז ער האָט בעקומען עפּעס געלד, האָט ער עס פאַרשכור'ט.

דער מערדער האָט געוואוינט ביי פרוי וואָיטשעכאָווסקאַ נישט מעהר ווי 4 חדשים. פריהער האָט ער געוואוינט ביי זיין שוועסטער אויף פראַנציסקאַנער 61, אַ שוסטער, אַ הויקער. דעם שוועסטער און זיין מאַלמער האָט ער שלעכט און ברוטאַל בעהאַנדעלט. ער האָט זיי אָפט געשלאָגען און געפּייניגט. צום סוף האָט ער דעם שוועסטער אַרויסגעטריבען פון דער וואוינונג און אַליין געוואָרען דער בעל-הבית. דער שוועסטער איז אַוועק קיין כסאַרניעוויץ און דאָרט לעבט ער ביז היינט עלענד.

מיט 5 חדשים צוריק האָט וואָלאַשטשיק פאַרקויפט די שטוב און פאַרשוואונדען געוואָרען. די פרוי האָט איהם געזוכט און פאַרשידענע ערטער. זי האָט איהם אָבער אין ערגיץ נישט געטראָפען. אין עטליכע טעג אַרום איז ער אַליין צוריקגעקומען און זיך מודה געווען, אַז דאָס געלד, וואָס ער האָט בעקומען פאַר דער דירה, האָט ער פאַרשכור'ט און געטריבען זהן אין שענקען. די פרוי, אַן עהרליכע אַרבייטערין, וועלכע איז פון קינדווייז אָן געוואוינט צו ליידען און צו שווערער אַרבייט, האָט אַ חרפּה מוחל געווען און נעמענדיג ביי איהם אַ וואָרט, אַז ער וועט שוין מעהר נישט שכור'ן, האָט זי זיך אַריינגעצויגען צו פרוי וואָיטשעכאָווסקאַ אויף באַלוטער מאַרק 5.

וואָלאַשטשיק האָט זעהר שנעל פאַרגעסען, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיין פרוי צו ווערען אַן אָנשטענדיגער מענש און אויפצוהערען דעם ביטערן טרונק. ווערענדיג אַרבייטסלאָז, נאָך עטליכע וואָכען זיין בעשעפטיגט ביי די ברוק-אַרבייטען פון מאַגיסטראַט, האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו טרינקען. אין געטרונקענעם האָט ער אויסגעגעבען די קאַרטע פאַר זיינע רעגירונגס-אונטערשטיצונג, וואָס ער האָט בעקומען.

זיין פרוי איז דורך דער צייט אויך געוואָרען געקינדיגט אין דער פאַבריק צוזאַמען מיט נאָך עטליכע צעהנדליג אַרבייטערינס, און די נויט אין דעם ענגען, שמוציגן שטיבעל איז געוואָרען אַ שרעקליכע. אין די פראָסטיגע ווינטער-טעג האָט זיך דער מערדער'ס קליין טעכטערל אַרומגעדרעהט הונגעריג און געפראָרען די פיס'לעך און געלעגען אין בעט מיט אַ זויג-קינד ביי דער ברוסט, אַ דערשלאָגענע, אַ פאַרצווייפעלטע, אַן אויסגעמאַטערטע און אַ הונגעריגע האָט זי געוואַרט דער מאַן זאָל קומען מיט די פאַר לאָקסעס רעגירונגס-שטיצע, מען זאָל קאָנען קויפען אַ ברויט און קאַרטאָפעל צו דערהאַלטען די נשמות. אָבער דער מאַן האָט אין זיין ווייב און קינדער איינגאַנצען פאַרגעסען. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט שכורים אין די באַלוטער שענקען און פאַרטרונקען דאָס געלד. גאַנצע טעג איז ער איינגאַנצען נישט אַהיימגעקומען. ער האָט זיך אַרומגעדרעהט צווישען די ביוראָ'ס, וואו די אַרבייטסלאָזע האָבען בעקומען אויסגעצאָהלט די אונטערשטיצונגען און זיי אויפגעהעצט געגען דער רעגירונג און געגען מאַגיסטראַט.

זעהר אָפט האָט ער זיך אויסגעדריקט אַז מען דאַרף אַלע ראַטמענער און מאַגיסטראַט ערמאָרדען. ער איז שטענדיג געגאַנגען אין דער ערשטער רייה פון יעדער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געווען געווענדעט געגען מאַגיסטראַט. ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבען, אַז מען זאָל אויסהאַקען די שויבען פון דער מאַגיסטראַט-געבוידע און „שטורמען" דעם זיצונגס-זאַל פון מאַגיסטראַט-פּרעזידיום.

די פרוי, זעהענדיג, אַז זי קען גאָרנישט מיט איהם מאַכען, אַז פון איהר מאַן וועט שוין קיינמאָל קיין לייט נישט ווערען, האָט געוואָלט איינגאַנצען זיך שיידען מיט איהם. זי איז עטליכע מאָל אַוועק צום גלח, ער זאָל אָנגעמען מיטלען, זי זאָל אַרויסבעקומען אַ גט. דער גלח האָט איהר געראַטען צו וואַרטען, ביז דער מאַן וועט בעקומען אַרבייט און דערמאָלט, האָט ער איהר פאַרזיכערט, וועט ער זיך פאַרבעסערן און ווערען אַ לייט. די פרוי האָט באין ברירה געפאָלגט דעם גלח'ס עצה און הכנעה'דיג געדולד'עט דעם מאַנ'ס סקאַנדאַלען און אויסנוצונגען, וואָס ער האָט מאָס-מעגליך געמאַכט אין דער היים.

עס איז איהר אָבער קיינמאָל נישט איינגעפאַלען, אַז די ווערטער וועגען „ערמאָרדען דעם מאַגיסטראַט" וועט איהר פאַרברעכערישער מאַן פאַרווירקליכען אין מעשים. זי האָט דאָס אָנגענומען אַלס פּשוט'ע פּלאַפּלעריי פון אַ שכור. און דעריבער ווען די פּאָליציי האָט ערקלערט, אַז איהר מאַן איז איינער פון די מערדער פון פּרעזידענט צינאַרסקי, האָט זי עס נישט געוואָלט גלויבען.

ווי מיר זעהען איז פּרעזידענט צינאַרסקי געפאַלען אַ קרבן פון אַ פאַרברעכער, וועלכער האָט מיט דעם וואָפען פון מאָרד גענומען זיין איינען שרעקליכע, עלענדע, פאַרביטערטע לעבען; מיט'ן ערמאָרדען דעם פּרעזידענט, צו וועלכען ער האָט איינענטליך נישט געהאַט קיין איבעריגע גרויסע פּרעטענזיעס, האָט ער אויסגעדריקט אַזאַ מאָדערנעם וואַהנזיניגען פאַרצווייפעלטען פּראָטעסט געגען זיין איינען לעבען, וואָס איז פול געווען מיט עלענד און ביטערקייט.

II.

דער צווייטער מערדער — רידזעווסקי.

דער צווייטער מערדער רידזעווסקי איז אַ גאַנץ אַנדערער טיפּ. דאָס איז אַ מתקבל'ער פּערזאָן אין באַלוט, וועלכער איז בעקאַנט פאַר אַן אויסגעצייכנטער מעסער-שטעכער. ער איז אַ מיערער אַרבייטער, וועלכער האָט זיך זעלטען פאַרנומען מיט אַ ביסעל בוי-אַרבייט. ער האָט געלעבט פון גנבות. ער וואוינט אויף וואָלצאַנסקאַ 15 ביי זיין עלטערן ברודער, אַנטאָני, 25 יאָהר אַלט. דער ברודער איז אַן אַנשטענדיגער, ווען מען האָט רידזעווסקי'ן אַרעסטירט, געווען אין דער אויספאָרשונגס-טורמע, וואו ער געפינט זיך זייט אַ וואָך צייט, ווערענדיג פאַרדעכטיגט אין אויספיהרען אַ גנבה ביי אַ יודישען סוחר אויף נאָוואָמיעיסקאַ גאַס. מיט אַ צייט צוריק האָט רידזעווסקי געוואָלט ערמאָרדען זיין קאָלעגע בעת אַ קריגעריי. מען האָט איהם אַרעסטירט און איבערגעגעבען דער פּראָקוראַטור. דאָס געריכט האָט איהם פאַרמשפּט צו אַ קליינע שטראָף, איינזיצען אויף 6 חדשים טורמע, בעטראַכטענדיג אַז דעם מאָרד איבער זיין קאָלעגע האָט ער געוואָלט בעגעהן אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד.

זיין משפּחה האָט אין דער גאַנצער געגענד אַ שלעכטען שם. קיינער וויל זיך מיט דער פאַמיליע רידזעווסקי נישט חבר'ן, ווייל מען האָט מורא צו האָבען צו טון מיט זיי. זייער וואוינונג, וועלכע געפינט זיך אויף וואָלצאַנסקאַ גאַס, פאַלום, איז פון קיינעם נישט בעזוכט געוואָרען. די וואוינונג געפינט זיך אין קעלער און די נויט און די אָרעמקייט איז דאָ נישט קיין קלענערע, ווי אין דער וואוינונג פון ערשטען מערדער וואָלאַשטשיק.

מיט וואָלאַשטשיק'ן האָט רידזעווסקי זיך בעקענט אין אַ שענק. נאָכדעם, ווי רידזעווסקי איז אָבגעזעסען 6 חדשים אין טורמע פאַר פּרובען בעגעהן אַ מאָרד האָט ער שטאַרק מורא בעקומען נאָך אַמאָל אַריינצופאַלען אין די הענד פון דער פּאָליציי און ער האָט בעשלאָסען צו ווערען אַ „לייטישער מענש". ער האָט זיך בעמיהט צו בעקומען אַ שטיקעל בעשעפטיגונג. ער האָט זיך געמעלדעט אין מלוכה'שען אַרבייטס-פאַרמיטלונגס-אַמט און דורכ'ן מלוכה'שען אַרבייטס-פאַרמיטלונגס-אַמט איז ער צוגענומען געוואָרען צו די פלאַנטאַציע-אַרבייטען, וואו ער איז געווען בעשעפטיגט עטליכע וואָכען.

נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען רעדוצירט האָט ער אָנגעהויבען צו שכור'ן פאַר דעם געלד, וואָס ער האָט בעקומען אַלס מלוכה'שע אַרבייטסלאָזען-אונטערשטיצונג.

אַלס איז ער שכור'ערהייט אַרעסטירט געוואָרען דורך אַ פּאָליציאַנט אויף דער גאַס פאַר שטערען די עפענטליכע רוה און ער האָט איבערגענעכטיגט אין קאָמיסאַריאַט.

אין דער היים, ביים ברודער, ביי וועלכען ער האָט געוואוינט, האָט ער געמאַכט סקאַנדאַלען און אַמאָל, ווען זיין ברודער האָט איהם געוואָלט אַרויסוואַרפען פון דער דירה, האָט רידזעווסקי געדראָהט זיין ברודער, אַז ער וועט אַוועק אין אויספאָרשונגס-אַמט און דערצעהלען סודות פון זיין ברודער'ס פאַרברעכערישע לעבען.

רידזעווסקי, בעגעגענענדיג זיך מיט 2 וואָכען צוריק מיט וואָלאַשטשיק'ן, איז אַוועק מיט איהם אין אַ שענק און דאָרט האָבען זיי בעשלאָסען צו געהען צום וויצע-פּרעזידענט גראַבסקאָווסקי און בעטען, מען זאָל זיי געבען אַרבייט. האַלטענדיג, אַז צוויי מענשען אויף איינמאָל וועט דער וויצע-פּרעזידענט שווער זיין צו געבען בעשעפטיגונג, האָבען זיי בעשלאָסען, אַז צוערשט זאָל געהן איינער און דערנאָך דער צווייטער. דער ערשטער איז אַוועק וואָלאַשטשיק צו דער קאַנצעלאַריע פון וויצע-פּרעזידענט. האָט רידזעווסקי אויפ'ן פּרעזידיום-פּלאַץ אָבגעוואַרט אַ בעריכט:

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז קיין אַרבייט איז נישטאָ.

— אַהאַ, עס איז נישטאָ! פאַר זייערע איינענע איז שוין דאָ! מען דאַרף זיי אַראָבראַמען פון וועג!

און רידזעווסקי האָט גענומען אַנשטיפטען זיין קאָלעגע, צו ערמאָרדען דעם וויצע-פּרעזידענט.

וואָלאַשטשיק האָט גלייך מסכים געווען אויף דעם מאָרד-פּלאַן. שפּעטער האָבען זיי בעשלאָסען נאָך איין מאָל צו געהן צום מאַגיסטראַט און פאַרלאַנגען בעשעפטיגונג. אויב מען וועט זיי אָבשלאָגען, וועלען זיי נישט געהן צום וויצע-פּרעזידענט, נאָר צום פּרעזידענט צינאַרסקי אַליין.

ווי עס איז בעקאַנט, האָבען זיי אויף דעם טראַגיש-אומגעקומענעם פּרעזידענט בעקומען אַן אָבזאָג צו בעקומען אַרבייט. דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען די גרויסע פאַרברעכערישע טאַט אויסצופיהרען. דאָנערשטאַג האָט וואָלאַשטשיק בעקומען אויסגעצאָהלט די אַרבייטסלאָזען-אונטערשטיצונג. פאַר עטליכע זלאָטיס האָט ער געקויפט ברויט און קאַרטאָפעל פאַר דער היים און פאַר די איבעריגע 4 זלאָטיס אַ מעסער.

טעלעפאָן-ליטשניקעס זאָלן בטל ווערן.

וואַרשא, 19 אַפּריל (אַטע) צווישען דעם מיניסטער טשערווינסקי און דער דירעקציע פון „פּאַסטאַ" קומען פאָר בעראַטונגען וועגען איינפיהרען די טעלעפאָן-ליטשניקעס. עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ פּראָיעקט צו העכערן די ביז איצטיגע צאָהל געשפּרעכען איבער'ן אַבאָנעמענט פאַר דער ערשטער קאַטעגאָריע ביז 2 הונדערט געשפּרעכען אַ קוואַרטאַל, פאַר דער צווייטער קאַטעגאָריע ביז 3 הונדערט געשפּרעכען און פאַר דריטער קאַטעגאָריע ביז 400 געשפּרעכען אַ קוואַרטאַל. די ליטשניקעס זאָלען ערשט איינגעפיהרט ווערען פון 1 יולי אַז און עס איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז זיי זאָלען בכלל נישט איינגעפיהרט ווערען.

דער וואוקס פון דירה-געלד פאַר צוויי צימערן מיט אַ קוך וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן.

וואַרשא, 19 אַפּריל (טעלעפאָניש) פאַר יום-טוב האָבען איניגע צייטונגען געמאָלדען וועגען אַ רעגירונגס-קאָנפערענץ בנוגע אָבשטעלען דאָס העכערן פון דירה-געלד פאַר דירות פון 2 צימערן מיט אַ קוך. ווי מיר דערוויסען זיך האָט די קאָנפערענץ נישט געבראַכט קיין פּאָזיטיווען רעזולטאַט. און הגם די קאָנפערענצען פון דעם אַרט זענען נאָך נישט פאַרענדיגט געוואָרען, קאָן מען אָבער שוין איצט זאָגען אויף זיכער, אַז דאָס דירה-געלד פון די דערמאָנטע דירות וועלען יאָ געהעכערט ווערען מיט 6 פּראָצענט אַ קוואַרטאַל.

ערמאָרדעט דעם שעף פון מעקסיקאַנישען גענעראַל-שטאַב.

ניו-יאָרק, 19 אַפּריל (א.וו.) פון מעקסיקאָ מעלדעט מען, אַז דער שעף פון מעקסיקאַנישען גענעראַל-שטאַב איז ערמאָרדעט געוואָרען פאַהרענדיג שפּאַצירען אין אַן אויטאָמאָביל. גלייכצייטיג ווערט אויך געמאָלדען, אַז אויף דער פּראָווינץ קומען ווידער פאָר צוזאַמענשטויסען צווישען די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען מיט'ן רעגירונגס-מיליטער.

נומערוס קלאַוזוס אין דער אונגאַרישער אַדוואָקאַטור.

בודאַפּעשט, 19 אַפּריל (א. וו.) „אַז עסט" מעלדעט, אַז דער אונגאַרישער יוסטיץ-מיניסטער האָט פרעה אויפצופיהרען „נומערוס קלאַוזוס" אין דער אַדוואָקאַטען-קאַמער. זיין בעשלוס מאָטיווירט ער דערמיט, וואָס אין אונגאַרן זענען היינט דאָ צופיל אַדוואָקאַטען, וועלכע פיהרען צווישען זיך אַ וואַלדיגע קאָנקורענץ.

אַ נייע ווענדונג אין פּראָצעס פאָרד-שאַפּירא.

דער פּראָצעס וועט נאָך דויערען עטליכע חדשים.

דעטראָיט, 19 אַפּריל (יט"אַ) שאַפּירא'ס פאַרטיידיגונגס-רעדע האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך. סענאַטאָר ריד האָט ערקלערט, אַז ער מוז זיך בעקענען מיט די איינצעלהייטען פון שאַפּירא'ס קאַריערע.

ווי מען רעכענט, וועט דער פּראָצעס זיך פאַרציהען ביז יוני. מצד פאָרד'ן וועט מען אַרויסרופען 100 נייע עדות, אַזאַ צאָהל נייע עדות רופט אויך אַרויס שאַפּירא.

דייטשלאַנד איז געווען פערמיטלער פון די פראַנצויזיש-סאָוויעטישע אונטערהאַנדלונגען.

מאָסקווא, 19 אַפּריל (א. וו.) אין צוזאַמענהאַנג מיט די גינסטיגע פאַרענדיגונג פון די סאָוויעטיש-פראַנצויזישע אונטערהאַנדלונגען זאָגט מען זיך אַרויס אין די סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטישע קרייזען, אַז דער גינסטיגער רעזולטאַט האָט מען קודם כל צו פאַרדאַנקען דייטשלאַנד, וועלכע האָט פערמיטעלט ביי די אונטערהאַנדלונגען.

ניי געזעץ וועגען בירגער-רעכט אין רומעניען.

בוקאַרעשט, 19 אַפּריל (יט"אַ) דער אינערן-מיניסטער האָט ערקלערט, אַז די רעגירונג פאַרנעמט זיך מיט'ן אויסאַרבייטען אַ נייעם געזעץ וועגען בירגער-רעכט.

ווי בעקאַנט האָט די ערקלערונג פון אינערן-מיניסטער גאָגאַ, וועגען בעגרעניצען די רעכט פון די אויסלענדער אַרויסגערופען אַ גרויסע אונצופרידענהייט אין לאַנד, בעזונדערס צווישען דער יודישער בעפעלקערונג.

דאָס נייע געזעץ ווערט דעריבער ערוואַרט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג.

וואַהל-בלאָקען מיט אַראַבער צו די שטאָט-ראַט-וואַהלען אין ארץ-ישראל.

ירושלים, 19 אַפּריל (יט"א) אין אַ רייהע שטעט פון א"י ווערען געשאַפען וואַהל-בלאָקען צו די שטאָט-ראַט וואַהלען. אין צפת איז געשאַפען געוואָרען אַ בלאָק צווישען יודען און אַראַבער. די יודען וועלען בעקומען 3 מאַנדאַטען און די אַראַבער 4.

פאַרענדיגט די בעראַטונגען פון ציוניסט. עקזעקוטיווע.

לאָנדאָן, 19 אַפּריל (יט"א) עס איז געשלאָסען געוואָרען די זיצונג פון ציוניסטישען וועלט-עקזעקוטיווע. עס זענען אָנגענומען געוואָרען אַ רייה וויכטיגע בעשלוסען. צווישען אַנדערע אַנצונעהמען מיטלען געגען דער אַרבייטסלאָזיגקייט אין ארץ ישראל.

ערד-ציטערניש אין איטאַליען.

רוים, 19 אַפּריל (א. וו.) פון קאַסינאַ מעלדעט מען, אַז דאָרט איז פאָרגעקומען אַן ערד-ציטערניש, וואָס האָט געדויערט פיר צוואַנציג מינוט.

מלוכה-געביידעס מיט אויפשריפטען אין 4 שפּראַכען.

מאָסקווא, 19 אַפּריל (יט"א) אויף דעם סאָוויעטען-צוזאַמענפאָהר אין ווייס-רוסלאַנד איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעצייכענען די מלוכה'שע געביידעס מיט אויפשריפטען אין 4 שפּראַכען: ווייס-רוסיש, רוסיש, יודיש און פּויליש.

פּראָצעס פון יודישען אייזען-קעניג אין אַמעריקאַ.

ניו-יאָרק. (י.ט.א.) דער געוועזענער רוסישער עמיגראַנט שמואל רוגעל, אַ ניי-אויפגעקומענער מיליאָנער, וואָס שטעהט בראש פון אייזען און קויהלען-טרעסט אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז אָנגעקלאַגט געוואָרען אין געריכט פאַר אונטערדריקען זיינע קאָנקורענטען מיט פאַרשידענע מיטלען. דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען אינטערעס אין ניו-יאָרק.

אַכטונג געוועזענע שילער און שילערינס פון „אָרט"!

אין דער נאָהנטסטער צייט וועט אין וואַרשא פאָרקומען אַ בעראַטונג פון די פאַרוואַלטער פון די יודישע פאַך. שולען, קורסען און לערן-וואַרשטאַטען, אויף וועלכער עס וועט צוו. אַנד. אויך בעטראַכט ווערען די פראַגע וועגען דעם גורל פון די געענדיגטע שילער און שילערינס און די מיטלען, וואָס זענען נויטיג זיי איינצואָרדנען אין זייער פאַך.

צו דעם צוועק זענען נויטיג גאַנץ פּינקטליכע ידיעות וועגען דעם איצטיגען מצב פון די געענדיגטע.

די פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט „אָרט" רופט דעריבער אויף אַלע, וואָס האָבען געענדיגט די „אָרט"-וואַרשטאַטען אין די יאָהרען 1922, 1923, 1924, 1925 און 1926, זיך צו מעלדען אין ביוראָ פון „אָרט", פּלאַץ וואָלנאָשטשי 4, אין די ביוראָ-שעה'ן.

פאַר די שילער און שילערינס קאָנען זיך אויך מעלדען זייערע עלטערן, אָדער אַפּיטרופּוסים.

קופּאָן № 81
אויף אומזיסטע יורידישע עצות.
דער בעזיצער פון'ם דאָזיגען קופּאָן קען בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ'ן יוריסקאָנסולט פון אונזער רעדאַקציע.
גילטיג היינט מיטוואָך, ד. 20 אַפּריל פון 8—9 אָוו.

לאדזער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעהמט-אן פון 6 ביז 7 אין אװענד.
ניט בעשטעלטע מאנוסקריפטען װערען ניט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

װעגען רומעניען און די יודען.

דער װעג פון דעם אדלער אין דעם הימעל, דער װעג פון דער שיף אויפ'ן ים, דער װעג פון א מאן מיט א פרוי — און דער װעג פון רומעניען מיט די יודען — אלץ אונפערשטענדליכקייטען, לויטער פאראדאקסען, װאס לאזען זיך גאר נישט ערקלערען מיט'ן שכל, פערשטעהן מיט דער געװעהנליכער לאגיק.

מחמת אפילו אנטיסעמיטיזם קען זיין א פערשטענדליכע ערשיינונג. דאס הייסט — עס איז דא א פארם פון אנטיסעמיטיזם, װאס מען קען זיך ערקלערען היסטאריש, עקאנאמיש, פאליטיש, ערקלערען — הייסט אויפדעקען די װארצלען, הייסט דערגעהן ביז צום גרונט פון דער קראנקהאפטער ערשיינונג. געװיס, נישט צום לעצטען. דער פראבלעם אנטיסעמיטיזם איז צו שװער, צו קאמפליצירט, ער איז נישט ראציאנעל — און דערפאר קען איהם דער שכל גאר נישט בייקומען.

אבער פארט, דא און דארט גערט עס דעם בעװאכטער, דעם פארשער צו דערגעהן ביז א געװיסער שיכט. װייטער געהט עס נישט — אבער די אויבערפלעך איז שוין גענוג פאר אונז.

מען קען צום בייספיל ביז א געװיסען גראד ערקלערען דעם אנטיסעמיטיזם אין אונגארן, דאס נייע אונגארן פון נאך-דער-מלחמה. נאציאנאלע פערביטערונג, װאס צו דער גאנצער װעלט, א געפיהל פון געקשיװדעט-זיין, צחיצטער שאװיניזם, קמת פאר בעלא קוהן א. א. װ. נאר-ישע מאטיװען, אומפערצעהליכע, אבער פארט לאגיש פערשטענדליכע. מען קען זיך ערקלערען דעם אנטיסעמיטיזם אין פוילען. א לאנד, װאס האט נישט געהאט קיין אייגענעם מיטעל-קלאס, א לאנד, װאס האט דורך זיין געאגראפישער לאגע נישט קיין צוגאנג צום װעלט-מארק. און מיר זעהען אויך אנ'ענדערונג. מיר זעהען א װילען צו פערבעסערן די בעציהונגען, צו שאפען עפעס אנ'אויסגלייך צװישען פוילען און יודען. זאגט-צו, רעדט גוט, און אויב זי טוט נישט אזוי פיל װי מען װאלט געקאנט ערװארטען פון א רעגירונג, װאס װיל איבערבויען די גאנצע פאליטישע אידעאלאגיע פון דעם לאנד, א רעגירונג פון לינקס — רוים איז אויך נישט געבויט געװארען אין איין טאג — קען מען האפען אויף דעם לאנגזאמען ענטװיקלונגס-פראצעס.

אבער עס שטעהט פאר אונז א פראבלעם, און מיר קאנען איהם נישט בייקומען: דער פראבלעם פון דעם רומענישען יודענטום. עס פערגעהט כמעט נישט קיין טאג, אז מיר זאלען נישט הערען קיין טרויעריגע בשורות פון רומעניען. מען װארט דארט נאך אלץ — אכט יאהר נאך דער מלחמה, אכט יאהר נאך דער בעפרייאונג פון אייראפע — יודען פון די באהנען, מען שלאגט סטודענטען, מ'רייסט זיך אריין אין די שוהלען, און די רעגירונג שטעהט בײַ דער זייט און שװייגט, שטעהט מיט פערלעגטע הענט און שמייכעלט. און װערט זיך א יוד = הויבט זיך די רעגירענדע מאכט אויף אין איהר גאנצען װאוקס און בעשטראפט — די יודען.

װער קען דאס פערשטעהן ? װער קען דאס ערקלערען ? מיר געהען דאך זעהענדיג ארויס פון דער הנחה, אז א קיבוץ האט א געװיסע לאגיק, א יחיד קען זיין גייסטיג צעשאקעלט, אומלאגיש, קען האבען אטאװיסטישע מערדער-אינסטינקטען, קען זיין א קאנדידאט פאר א משוגעים-הויז; אבער א גרופע, א לאנד, א מלוכה? און דערצו נאך א מלוכה װי רומעניען, װאס איז פון דער מלחמה ארויסגעקומען גרויס און שטארק און רייך, װאס האט בעקומען די רייכסטע פראװינצען פון אייראפא, בעסאראביען און טראנסילװאניע, װאס האט װאונדערבארע װאסער-װעגען. װאס האט א פאליטישע צוקונפט און א גרויסע עקאנאמישע בעדייטונג, א לאנד, װאס האט נישט קיין שום מאטיװ צו זיין ברוגז אויף דעם מזל, צו זיין היסטעריש, א לאנד, װאס איז געבוירען געװארען אין א העמדעלע — װאס איז זיין מאטיװ פאר אזא װילדען בארבארישען אנטיסעמיטיזם ?

און מיר דוכט זיך, קיינער פערשטעהט עס נישט. אפילו נישט לוסיען װאלף, כמעט א ספעציאליסט אויף רומעניש-יודישע צרות, װאס האט געטרובט פיהרען פערהאנדלונגען מיט דער רומענישער רעגירונג — ביז ער איז געקומען צו דעם טרויעריגען רעזולטאט, אז די לאגע פון די יודען אין רומעניען איז דערגאנגען ביז צו אזא קריטישער מדרגה, אז ערגער קען עס נישט זיין און אז מען מוז עפעס טון — ד. ה. אז די אמעריקאנער יודען מוזען עפעס אונטערנעמען.

עס פערשטעהט אויך נישט מיין פריינד, װאס איז נאר-װאס צוריקגעקומען פון רומעניען, געזעהן דארט אלץ, װאס מען דארף און מען קען זעהן, פערזוכט אויסצופארשען די לאגע און צו גארנישט געקומען.

די עקאנאמישע לאגע ? זי איז נישט אזוי שלעכט, װי די פון פוילישע יודען. עס איז נישטא אזא דחקות. און אויב מען קען פאר פוילען אויפשטעלען א פראגראם פון „ענטלאסטען" — דאס הייסט פון ארויספיהרען א געװיסע צאהל יודען פון לאנד אויב אזא פראגראם, עקאנאמיש פאלש װי עס איז — האט עפעס א זין און א בערעכטיגונג אין דער פוילישער פאליטיק — פאר רומעניען איז דאס גאר א טפשות. אין רומעניען צופיל יודען ? א מיליאן יודען — אויב שוין הויך גערעכנט — א בלאטע פאר דער גרויסער און רייכער רומעניען ? פערקעהרט — רומעניען האט צו װעניג יודען. װייל דאס, װאס רומעניען בעדארף איז — אינדוסטריע און מסחר און קאפיטאל און א מאדערנעם װירטשאפטליכען לעבען. און װער קען דאס אלץ אייגפיהרען אין רומעניען ? דער געװעזענער „באיאר", דער פויער, פערפאריזעהעטער דענדי און פאראזיט ? דער בעאמטער ? דער פויער ?

רומעניען האט נאך נישט קיין מיטעל-קלאס — און קען איהם גארנישט בעשאפען. מען קען נישט צװינגען די געשיכטע — מען קען נישט בעשאפען קיין קינסטליכע עקאנאמישע גרופען און קלאסען. זיי זענען דא, אדער זיי זענען נישטא.

רומעניען האט דעם מיטעל-קלאס — אין דער יודישער גרופע. און דער שטאאטס-אינסטינקט װאלט איהר בעדארפט דיקטירען א יודען-פריינדליכע, א ליבעראלע, א קאנסטיטוציא-פרייע פאליטיק. איהר אינטערנאציאנאלע לאגע פאדערט פון איהר צו דערפיהלען די פערפליכטונגען פון װערסאילער טראקטאט. איהר אינער-פאליטישער אינטערעס װאלט פערלאנגט, אז זי זאל זיך שטיצען אויף די יודען — אנטקעגען די אירעדענטיסטישע מאדיארען, אוקראינער און בולגארען. רומעניען האט גענוג נאציאנאלע פראבלעמען אהן די יודען, און עס איז זיכער נישט אין איהר אינטערעס צו שאפען א נאך גרעסערע אנארכיע אין לאנד.

דאס אלץ זאגט דער פערשטאנד, זאגט דער פאליטישער געדאנק, אבער די רומענישע װירקליכקייט ענטפערט אויף איהר אופן: מיט יודישער „פויגעל-פרייהייט".

עס איז נישט קיין ספק, לוסיען איז גערעכט. מיר מוזען עפעס טון — די יודען פון אמעריקא.

אבער װאס ? נאכאמאל פראטעסטען ? נאכאמאל בריף צו דעם רומענישען געזאנדטען ? מען האט עס געפרובט, עס העלפט נישט. און דער טעם איז סוף-כל-סוף דער, װאס מיר אליין האבען נישט קיין קלארען בעגריף, װאס געהט דארט פאר אין רומעניען, פארװאס געהט רומעניען אקעגען שכל !

און דאס מוז זיין דער ערשטער שריט. עס מוז געשיקט װערען א קאמיסיע — קיין רומעניען — פון יודען און נישט-יודען, — װאס זאל שטודירען די לאגע דער-גרונטעװען דעם פראבלעם און זוכען אנ'אויסװעג.

דאס איז דער מינימום, װאס מיר קאנען איצט פערלאנגען פון דער רומענישער רעגירונג. זי מוז אונז געבען א געלעגענהייט און א מעגליכקייט צו פערשטעהן, װאס עס טוט זיך אין רומעניען, צו געפינען די סיבה פון דעם פייער — און דערנאך העלפען איהם לעשען מיט אונזער אינאיינעם, אויב זי מיינט בכלל צו לעשען דעם פייער !

ד"ר א. קאראליק.

סאוו.-רעגירונג אסיגנירט פריש געלד אויף יודישע ערד-ארבייט.

יודישער שרייבער מארשאק זאל קריגען מלוכה-פענסיע און יודישע בעלי בתים װערען אנגעקלאגט אין געריכט פאר גרינדען א ישיבה.

(טעלעגראפיש דורך יט"א).

מאסקװע. (י.ט.א.) פון די גלאוד-טומען, װאס געפינען זיך אין רשות פון „קאמזעט" לויט דעם מלוכה-בודזשעט, האט דער לעצטער געמאכט פאלגענדע נייע אסיגנירונגען: אויף קרעדיט-הילף פאר ערד-ארבייטער, איינארדנען אין חערסאנער 50 טויזענד רובעל. פאר דער ערד-איינארדנונג אין ניקאלאיעװער (פריהער שאלאמאמער) ראיאן 90 טויזענד רובעל, אויף צוגרייטען נייע ערד-פלעצער אין זעלביגען ראיאן — 45 טויזענד רובעל, אויף דער ערד-איינארדנונג פון קאװקאזער בערג-יודען אויף צפון-קאװקאז—20 טויזענד רובעל און אויף אויסזוכען נייע ערד-שטחים פאר די זעלבע בערג-יודען—1,400 רובעל. בסך-הכל 380,400 רובעל און צוזאמען מיט די פריהער אסיגנירטע 400,00 רובעל.

יודישער שרייבער דניאל מארשאק זאל בעקומען א מלוכה-פענסיע.

מאסקװא. (י.ט.א.) דער בילדונגס-קאמיסאריאט פון װייסרוסלאנד האט זיך געװענדעט אין סאוונארקאם מיט א בקשה צו בעשטימען א פענסיע פאר דעם יודישען שרייבער דניאל מארשאק.

יודישע צייטונגען פאר יודישע רויט-ארמעער.

מאסקװע. (י.ט.א.) די פאליטישע פערװאלטונג פון אוקראינישען מיליטער-קרייז האט פעראָרדנעט, אז אין די מיליטערישע קלובען און לעזע-צימערן זאלען צוגלייך מיט אנדערע צייטונגען, אויך אויסגעשריבען װערען יודישע צייטונגען פאר יודישע רויט-ארמעער.

ראבינער ד"ר חלפן — אפיציר פון עהרען-לעגיאן.

בוענאס-איירעס. (י.ט.א.) ד"ר ש. חלפן, ראבינער פון דער יודישער קהלה אין ארגענטינא און פון די „יקא"-קאלאניעס האט בעקומען א מעלדונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג, אז ער איז דורך איהר בעעהרט געװארען מיט'ן טיטול-אפיציר פון עהרען-לעגיאן.

ד"ר חלפן האט ביז-איצט געהאט דעם טיטול קאװאלער פון עהרען-לעגיאן און די אויסצייכנונג פון אפיציר האט ער בעקומען לכבוד זיין 50-יעהריגען געבורטס-טאג און לכבוד זיין 25-יעהריגער טעטיגקייט אין ארגענטינע.

װידער אמאל יוד. סטודענטען-אונרוהען אין רומעניען

אנטיסעמיטישע סטודענטען נויטען א יודישען ארטיסט צום שמד.-סוזא ארגאניזירט זיין „קריסטליכע ליגע".

(טעלעגראפיש דורך יט"א)

יאסי, 19. אפריל. (טעלעגר. דורך יט"א). דא זענען װידער פארגעקומען גאסען-אונרוהען, א גרופע סטודענטען האבען אויסגעהאקט די שויבען אין יודישע הייזער און געשלאגען דורכגעהער. נאכהער האבען זיי איינגעארדנעט א פייערליכע דעמאנסטראציע פאר דער רעדאקציע פון דער פראגרעסיװער צייטונג „אפיניע". פאליציי האט צוטריבען די דעמאנסטראציע און ארעסטירט 1 סטודענט.

בוקארעשט. (י.ט.א.) די סטודענטען פון קישינעװער פאליטעכנישען פאקולטעט האבען געפאדערט פון פאלגענדען ארטיסט פוג'ס קישינעװער נאציאנאל-טעאטער ז. סעמא, אז ער זאל זיך שמד'ן, אויב ער װיל בלייבען אויף זיין פאסטען, װייל זיי ערקענען זיין טאלאנט. װיסענדיג, אז דער װילען פון די סטודענטען איז א געזעץ האט ה' סעמא צוגעזאגט צו ענטפערן אין משך פון 8 טעג.

צום בעשטימטען טערמין האט ה' סעמא צוגעשיקט פאלגענדען בריף. „עס ענדיגט זיך דער טערמין װען איך מוז אייך ענטפערן. מען בעשלוס איז אנגענומען: איך קען זיך נישט שמד'ן און דאך בלייב איך א גוטער רומענער אהן דעם, אז איך זאל בעלײדיגען מיינע עלטערן דורך ענדערן זייער גלויבען.

פון הײנט פערלאז איך דעם קישינעװער נאציאנאל-טעאטער. איך דאנק אייך פאר דער אנערקענונג, װעלכע איהר האט מיר בעװיזען, אויף די פערשטעלונגען און סטודענטען-פערזאמלונגען. איך פערלאז דעם נאציאנאל-טעאטער מיט די זעלבע געפיהלען פון א גוטען רומענער, װעלכע זענען אייגעפלאנצט אין מיר דורכ'ן לאנד, װאו עס זענען געבוירען מיינע עלטערן, אין װעלכען איך און מיין קינד זענען ערצויגען געװארען".

* * *

בוקארעשט. (י.ט.א.) פראפ. קוזא האט צונויפגערופען א קאנגרעס פון זיין פארטיי אין יאסי אויפ'ן 1. מאי. אויפ'ן קאנגרעס רופט ער אלע מיטגלידער פון דער „קריסטליכער ליגע". ער האט, אז אויף אזא אופן װי אויך צוליב, װאס דער קאנגרעס װעט פארקומען אין יאסי װאס איז זיין פעסטונג, װאס איהם גאנגען צוריקשטעלען זיין דיקטאטור אין דער „ליגע". די קוזיסטישע דעפוטאטען גרעטען זיך צו א שטארקען װידערשטאנד.

יעװסעקצי פראיעקטירען אבצונעמען פאליאקאװ'ס שוהל אין מאסקװע.

ריגע. (י.ט.א.) פון מאסקװע מעלדעט מען מיר, אז די מאסקװער יעװסעקען טראגען זיך ארום מיט א פלאן װעגען אװעקצונעמען פאר זייערע הצטרכות'ן די בעקאנטע פאליאקאװ'ס-שוהל אין מאסקװע. די דאזיגע ידיעה האט ארויסגערופען א בעאונרוהיגונג אין די רעליגיעזע קרייזען.

דער רעש אין הימעל

צום ערשטען סדר.

א װאונדערבארע פסח-מעשה'לע װעגען נפטר געװארענעם ראדאשיצער רבי'ן ר' אליעזר דוד זצ"ל

ספעצ. פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט"
פון
מאיר הערץ.

(פארזעצונג פון פרייטאג-נומער).

פונקט אין זעלבען פסח האט זיך דער שטן פערלעגט און גע'טענה'ט אין הימעל, אז היות, װי יודען זענען זינדיג און פון דייערע חערצער איז פערלאשען געװארען יעדער פונק פון רחמנות אזוי, אז פיל יודען זענען געבליבען אהן א כזית מצה און אהן װיין אויף ארבע כוסות אויף פסח, זאל מען זיי דעריבער קנס'ענען אז זיי זאלען דעם דאזיגען פסח נישט זוכה זיין, אז אליהו הנביא זאל זיך צו זיי בעװייזען, אפילו אין דער רגע פון שפוך חמתך און אז דער אור פון אליהו הנביא זאל מעהר נישט משפיע זיין אויף די יודען. בשעת די צדיקים מיט די אבות האבען זיך אויסגעזעצט אין גן-עדן פסח ביינאכט ארום דעם גינגאלדענעם סדר-טיש, האט דער שטן שטארק מקטרג געװעזען און װען ס'האט שוין בעהאלטען דערבייי, ער זאל גובר זיין און די צדיקים האבען שוין בעהאט בדעת ארויסצוגעבען א פסק, אז אליהו הנביא זאל בלייבען די פסח-נאכט אין גן-עדן נעבען די צדיקים און יודען זאלען נישט האבען גילוי-אליהו, האט זיך תיכף דערװאוסט דערפון דער ראדאשיצער רבי און ער האט אנגעהויבען מרעיש עולמות צו זיין און זיך גענומען אויס'טענה'ן מיט'ן הימעל אויף זיין לשון:

— ס'טייטש, װי קען מען דאס גלויבען דעם שטן, בשעת יודען ארבייטען נעביך אזוי שװער און ביטער אויף פסח, ניין, איך, אליעזר דוד פון ראדאשיץ, װעל נישט מסכים זיין אויף אזא פסק. איך װעל בשום אופן נישט בעשטעהען. װאס ? דער שטן טענה'ט, אז יודען האבען נישט קיין רחמנות און װאו איז מאטיע שוסטער, װאס װאוינט אין דעם און דעם דארף ? זאל ער זיך מטריח זיין, דער שטן, בכבודו ובעצמו, און אהין געהען, װעט ער זיך דערװיסען, אז מאטיע שוסטער האט גענומען די לעצטע פאר שװער אויסגעהארעװעטע רובעלס מיט א פאר זילבערנע חפצים, װאס ער האט אבגעשפארט פון מויל פאר א נדן און אויף מתנות פאר'ן חתן פון זיין בת יחידה און פאר זיי געמאכט פסח און נאך װי אזוי אנגעגרייט ! אפילו פאר פיל אורחים האט ער אנגעגרייט צו עסען און צו טרינקען. אפשר װיל דער שטן אויך אהינגעהען עסען מצות און טרינקען ארבע כוסות, זאל ער געהן, מאטיע װעט איהם אויפנעמען מכבוד גדול, אדרבה, זאל ער געהן און ער װאס טרעפען, װי מאטיע שוסטער שטעהט פאר זיין טיר אין דער שפעטער נאכט אין ערגיץ א פערװאר-פענעם דארף און רופט אויף װייט און ברייט — „כל דכפין ייתי ויכול!" ניין איך װעל נישט געהען פריהער צום סדר כל זמן אליהו הנביא װעט זיך נישט בעװייזען צום פאלק ישראל. —

— אבער יודען זענען דאך פארט זינדיג! פאר װאס האבען זיי אזוי װעניג רחמנות איינער אויפ'ן צװייטען? — האט דער שטן װייטער געדונערט.

— װייל ס'איז זיי שלעכט און ביטער. זיי װערען נעביך געיאגט און געפלאגט. אדרבא, זעה רבונו של עולם אז ס'זאל שוין זיין די גאולת שלימה, װעלען יודען גוט און װאויל זיין, ניין דער פסק איז לא על פי תורה, װארום אויב אליהו הנביא האט זיך ענט-פלעקט ביז יציאת מצרים, איז על אחת כמה וכמה דארף זיך אליהו היינט ענט-פלעקען צו יעדען, װייל אויב יודען זענען היינט בכוח צו מאכען פסח איז עס א גרעסערער נס פון יציאת מצרים. אזעלכע יודען װי מאטיע שוסטער זענען פאראהן א סך אויף דער װעלט און אין זייער זכות בין איך גוזר, אז אליהו הנביא זאל זיך בעװייזען אין יעדען יודישען הויז און אנזאגען יעדען יוד א גוטע בשורה, ניין, איך געה נישט צום צום סדר, ביז ס'װעלען נישט פערשטאפט װערען די פאלשע טענות פון שטן. —

* * *

אין ראדאשיץ איז מען דאס יאהר מאקי געגאנגען שפעט צום סדר. א פאר שעה פאר'ן סדר איז דער רב געװעזען סגור ומסוגר אין זיין התבודדות-שטיבעל און געפיהרט א שטארקערען װכוח מיט'ן הימעל. פונקט אין דער זעלבער צייט, האט דער ראדאשיצער האט זיך געצאמפערט מיט'ן שטן האט מאטיע שוסטער ארומגעזוכט אורחים צום סדר און ער האט ביי קיין פאל נישט געקענט געפינען. ער איז א גאנצען ערב פסח ביז שפעט אין דער נאכט ארומגעלאפען אויף די שאסעען, ביז אין די װייטעסטע דערפער, אבער מעשה שטן האט דאס מאל קיין איין יודישער ארימאן נישט דורכגעװאנדערט. ס'איז שוין צעהן בייי נאכט, האלב צעהן, עלף, מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט. דא דארפט מען זיך שוין זעצען צום סדר און קיין אורח איז נישטא. לויפט מאטיע שנעל אריבער אין א נאהענט שטעדטיל, פון װאס ער האט א גאנצען טאג געהאט פערגעסען. קלאפט ער אין די לאדענס פון די פון די ארימע װאוינונגען און רופט אויפ'ן הויכען קול: — אפשר האט א יוד נישט צו עסען זאל ער געהען מיט מיר צום סדר — און װען קיינער ענט-פערט נישט לויפט ער אין בית-מדרש אריין און צום גליק טרעפט ער נאך עטליכע ארימעלייט און אויך איינעם א רייכען פרעמדען יוד, מיט א הדרת פנים, װאס זיצט און לערנט. בעט זיך מאטיע רחמים: — יודען דערבארעמט אייך און זייט מיך מחנה און קומט מיט מיר א חיים צו מיין סדר-טיש, פערשעמט מיך נישט, איך האב אנגעגרייט פון כל טוב, קומט יודען מיט מיר, קומט. —

װערען די יודען גערירט פון דער תמימות'דיגער צדקות פון דאזיגען פשוט'ן יוד, טוען זיי איהם צוליב און געהענדיג מיט איהם קריגען זיי קפיצת הדרך און אין משך פון מינוטען זענען זיי אבגע-גאנגען שטונדען װייטערסטען און געפינען זיך שוין בייי מאטיע אין שטוב. צװישען די אורחים איז אויך מיטגעגאנגען דער פרעמדער רייכער יוד, ער איז געװען משה'לע'ס פאטער. װאס רעכט נאך אב, און װאנדערט אלץ אויף דער װעלט, אזוי װי דער ראדאשיצער האט בעשייסען, אויף זיינע װאנדערונגען האט ר' שלמה זיך אבגעשטעלט אין דאזיגען שטעדטעלע כדי פסח צו האלטען.

דאס אלץ זעהט און הערט דער ראדאשיצער רבי און ער רופט אין אלע היכלים: הײנט פרעג איך װי קען ער זאגען דער שטן, אז יודען האבען נישט קיין רחמנות, װען יודען לויפען איצט ארום שפעט ביינאכט אין די בתי מדרשים און קלאפען אין די לאדענס און רופען כל דכפין ? אליהו הנביא מוז זיך מגלה זיין און מאכען צום ערשט צו מאטיע שוסטער. אליהו ברוך ראטעװען מאטיען פון א געפאהר און אויך אויסלאזען א פערװאגעלטע יודישע נשמה און זי חוזר בתשובה צו זיין; איך װעל נישט געהען צום סדר, ס'ײדען די צדיקים אין גן-עדן װעלען נישט פסק'ענען זכאי. —

אין הימעל האבען די גערעכטע טענות פון ראדאשיצער רבי'ן אנגעמאכט א גרויסען רעש און ס'איז בעגעבען געװארען א ענטפער און א בת-קול האט אויסגערופען: „יפה דרשת ר' אליעזר! —

* * *

װען מאטיע שוסטער איז ביי זיין ליכטיגען יום-טוב-טיש געזעסען ארומגע-רינגעלט מיט אורחים און אבגעריכט דעם סדר און פונקט צו שפוך חמתך װען מ'האט געעפענט די טיר און ס'איז אריינגעקומען א אלטער יוד מיט א שניי װייסער בארד, א בעטלער מיט א זעקעל איבער די פלייצעס, װאס האט געבעטען צוצולאזען זיך צום טיש. מאטיע האט זיך מיט'ן פרישען אורח דערפרעהט װי מיט אנ'אבן-טוב און איהם מאכיל ומשקה געװען. נישט לאנג האט געדויערט װי מ'האט די טיר צוגעמאכט און ס'זענען פלוצלינג אריין מיט אנ'עלארם א מחנה משרתים פון דזשעדזשיצי'ס פאלאץ מיט'ן חיכאװאנעק אין דער שפיץ. זיי האבען זיך א װארף געטון אויפ'ן ארימען שוסטער מיט א געשריי און ירגזון, בכן ער האט ארויסגעגנב'עט א שנור פערל פון דזשעדזשיצי'ס פאלאץ. ס'איז געװארען א גרויסע מהומה, און די אורחים און דאס װייב און טאכטער זענען שיער נישט פאר שרעק אויסגעגאנגען. דער חיכאװאנעק האט אונטערגעטראגען די שנור פערל און געװאלט מאכען א בלבול אויפ'ן יודישען שוסטער. אבער א פלא, עס האט מען געזעהן ליגען אונטערן טיש די שנור פערל, מ'װיל זי אויפהויבען, אבער נאר װי מ'בויגט זיך אראב צו דער ערד, הויבט מען גארניט אן צו זעהן און ס'איז שוין גארניט דא, רופט זיך אב דער אלטער בעטלער, מיט דער לאנגער װייסער בארד, װאס איז נאר װאס ערשט אריינגעקומען: פאניע, די שנור פערל ליגט אין דזשעדזשיצי'ס אייזערנע קאסטע אויף דעם און דעם ארט. זוכט זי דארט און איהר װעט געפינען. — זענען די דינער אװעק זוכען אין פאלאץ און דער חיכאװאנעק פון דזשעדזשיץ איז געבליבען װארטען. דא נעמט דער אלטער בעטלער ארויס זיין גאז-פאטשיילע, טוט דערמיט א גלעט דעם חיכאװאנעק איבער די אויגען און שמייכעלט צו איהם: אוי, משה'לע, משה'לע, גערענקסט שוין גארנישט, אז ביסט אמאל א יוד געװען! דערקענסט שוין נישט דיין טאטען, ר' שלמה גביר? אט זיצט ער דארט בײַם טיש, און דו שלמה, — װענדעט זיך דער אלטער צום רייכען אורח, — דערקענסט גארנישט דיין משה'לע, דיין בן-יחיד ?

(ענדע מארגען).

אליעזר!" —

יודען און אַראַבער אין מצרים.

בילדער פון איצטיגען יודישען לעבען דאָרטען!
רייזע-נאָטיצען
פון ראובן בריינין.

1.

אַלעקסאַנדריע.

מיר זענען אַנגעקומען אין אַלעקסאַנדריע דעם צווייטען נאָוועמבער פאַר-טאָג.

איידער מ'האָט אונז אַרויסגעלאָזען פון דער שיף „עספּעריאַ" האָבען מיר געמוזט דורכמאַכען פערשידענע פּאָ-ליצייען, וועלכע האָבען געדויערט א לאַנגע צייט. די עגיפּטישע פּאָליציי, וועלכע איז געזעסען אין ערשטען קלאַס, האָט געמוזט אָפּשטעמפּלען דעם פּאַס, נאָך דעם האָבען מיר געמוזט אַרויסנע-מען ביי אַנדערע באַאַמטע אַנ'ערלויבניש צו לאַנדען,—פערלאָזען די שיף. די בע-אַמטע טוען זייער פּליכט לאַנגזאַם, בע-קוועמליך און זענען גוט בודק יעדען פּאַסאַזשיר—אפשר כאַפּען זיי א חכם.

אַלע האָבען זיך געאיילט, געשטופּט און זיך געדרענגט.

אַרויסקומענדיג אין האַפען, האָבען אונז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען אַראַבישע פוהרלייט און טרעגער, גע-שלעפּט אונזערע זאַכען. יודישע יונגע-לייט, משרתים, האָבען אונז געצויגען אין יודישע און נישט-יודישע האָטעלען, לויבענדיג זיי און שענדענדיג די אַנדע-רע האָטעלען—א טומל, א געפּילדער.

איך האָב זיך מיט געוואַלד בעפרייט פון דער סאַראַנטשע און איבערגעגעבען אונזערע זאַכען און געפּעק צו א דראַ-גאָמאַן פונ'ם האָטעל „ווינדזאָר", א ריזען-פיגור. ער האָט אונז דערלאַנגט זיין וויזיט-קאַרטע אין דריי שפּראַכען. און ער האָט אונז בעפרייט פון אַלע שוועריג-קייטען. ווייל אויך דאָס געפּעק האָט געמוזט דורכגעלאָזען ווערען אין צוויי דורכפאַרסטען דורך בעזונדערע בעאַמטע און בעאַמטע, אום אונז נישט אויפצו-האַלטען, האָט ער אונז בעשטעלט אַנ'-אויטאָמאָביל דירעקט צום האָטעל, און ער אַליין האָט אונז נאָך דעם געבראַכט אַלע זאַכען,—די קליינע און די גרויסע. אַלץ איז געווען אין אָרדנונג און צו דער צייט. פאַר זיין מיה האָט ער פער-לאַנגט צעהן דאָלאַר — צו טייער. אָבער מ'פּרט געווען. ער האָט געניג געשוויצט און געאַרבייט ביים האַפען...

* * *

דער האָטעל „ווינדזאָר" איז אַן'אייראָפּעאישער האָטעל מיט א ביימישונג פון אַפריקאַנישען. דער האָטעל-בעזיצער רעדט פיל לשונות, אייראָפּעאישע און אָריענטאַלע, איז לעבענסווירדיג, בערייט צו יעדער געפעליגקייט, שאַצט גלייך אָפּ דעם כאַראַקטער און ווערט פון יעדען אָנגעקומענעם גאַסט, גיט גלייך אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציעס און זוכט יעדען צו בעפרידיגען אויף זיין אַרט און שטייגער. א שטאַב אַראַבישע דינערשאַפט. די געסט—פון אַלע וועלט-טיילען, ס'קלינגען אַלע לשונות און דיאַלעקטען, די צימערן מיט גרויסע און מיט באַלקאָנען, געשיצט דורך פערשידענע מיטלען פון די מיקען, אינזעקטען, וועלכע זענען דאָ א מכת-מדינה.

אַזוי ווי איך האָב בעשטימט צו בלייבען אין אַלעקסאַנדריען נאָר 3 טעג, אום צו שטודירען דאָ דאָס יודישע לע-בען, האָב איך בעשלאָסען צו ווענדען זיך אין ביוראָ פון דער כרמל-חברה-קאָמ-פּאַניע, אום צו געפינען דאָרט בעקאַנטע, וועלכע זאָלען אונז בעהילפיג זיין צו בעקענען זיך מיט די יודישע מאַסען, מיט די אָריענטאַלישע עלעמענטען און מיט די, וועלכע זענען די לעצטע יאָהרען אַנגעקומען פון די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער.

אין ביוראָ פונ'ם „כרמל" וועלכען איך האָב גלייך בעזוכט, האָט זיך אַרויסגעווי-זען, אַז דער הויפּט-פערוואַלטער בריסקין איז א בן-עיר (פון מיין געבורטס-שטאָדט לאַדי), דער זוהן פון מיינעם א יוגענדס-חבר, פון די ערשטע חובבי ציון. און א גרויסער מדקדק—עס איז פאַר מיר און פאַר איהם געווען א זעהר אַנגענעהמע איבעראַשונג.

אין ביוראָ פונ'ם כרמל האָב איך גע-טראָפען א קליינע גרופּע ציוניסטען — דאָרט איז דער מיטעלפּונקט, וואו די ציוניסטען טרעפען זיך. די אַנגעשטעלטע יונגעלייט פון ארץ-ישראל און אַלע אין ביוראָ, אפילו די צוויי אַראַבישע דינער רעדען העברעאיש.

דאָרט האָב איך געפונען אַלע העב-רעאישע צייטונגען פון ארץ-ישראל, פון וועלכע איך האָב ערפאַהרען אַז מען ערוואַרט מיך שוין דאָרט.

די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבען צו-געבראַכט אין איטאַליען, אומגעפעהר 8 וואָכען, האָב איך קיין יודישע צייטונג נישט אַנגעזעהן, אויסער אין רוים; און איך האָב זיך געפיהלט, ווי אָבגעריסען פון דער יודישער וועלט; פון די אַלגע-מיינע צייטונגען קען מען גאָרנישט וויסען, וואָס עס געשעהט אין דער יודי-שער וועלט און אין דער ציוניסטישער וועלט.

איך האָב מיט הייס הונגער פער-שלונגען אַלע בעריכטען, וואָס איך האָב געפונען אין די ארץ-ישראל-צייטונגען; אַלץ איז געווען פאַר מיר וויכטיג און אינטערעסאַנט, ווי אויך פריש-געבאַקען.

בריסקין האָט גלייך טעלעפאָניש גע-לאָזט וויסען די הויפּט-ציוניסטען אין אַלעקסאַנדריען וועגען מיין אַנקומען און וואו איך לאָזשיר.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקעהרט אין האָטעל האָב איך שוין געפונען מיטגלי-דער פון דעם ציוניסטישען קאָמיטעט, וועלכע זענען געקומען מיך בעגריסען און אָנבאָטען מיר זייער פריינדליכע בעדיינסטשאַפט מיך צו בעקענען מיט'ן יודישען לעבען אין אַלעקסאַנדריען. איך האָב גלייך בעקומען איינלאַדונגען צו פערשידענע פאַמיליעס.

ווען א ציוניסט רייזט אַרום אין דער וועלט, מוז ער זיך איבערצייגען, אַז די ציוניסטען פון אַלע וועלט-טיילען זענען ווי איין משפחה: געמיינזאַמע אינטערע-סען, מען קען זיך גרינגער און גיכער צוזאַמענרעדען מיט זיי, ווען זיי געהע-רען אפילו צו פערשידענע מענשליכע ספערען.

* * *

די איינדרוקען פון מיין ערשטען טאָג אין אַלעקסאַנדריען:

די שטאָט אַלעקסאַנדריען איז פערבונ-דען אין מיין זכרון, נאָך פון די גאַנץ יונגע יאָהרען מיט'ן נאָמען פונ'ם יודי-שען פילאָזאָף פילון, וועלכער איז בע-קאַנט אונטער'ן נאָמען פילון האַלעקסאַנ-דרינוס, פילון פון אַלעקסאַנדריען. דאָ האָט ער געלעבט, דאָ זענען געבוירען געוואָ-רען זיינע געדאַנקען און דאָ האָט ער געשריבען זיינע ווערק, וואָס זייער ווערט, ריכטונג, ווי זיינע פערהעלטענישען צום יודענטום, ווערען נאָך ביז היינט דעבאַ-טירט און פון צוויי אַנטקעגענגעזעצטע בעזיכטס-פּונקטען אָפּגעשאַצט.

די אַמאָליגע שפּורען פון יודי-שען אַלעקסאַנדריען זענען פערשוואונדען. קיין פילאָזאָפישע יורשים, תלמידים, האָט ער נישט איבערגעלאָזען.

דאָס היינטיגע יודישע אַלעקסאַנדריען האָט נישט קיין יודישע דענקער, קיין יודישע געלערנטע מיט א וועלט-נאָמען. אָבער די שטאָט אינטערעסירט מיך. דאָס יודישע לעבען, די יודישע טיפּען אין איהר זענען נאָך נישט אויסגעפאָרשט, נאָך נישט בעשריבען.

גלייך ביים אַנקומען פון אייראָפּא, פיהלט מען די אַפריקאַנישע וועלט — אַנ'אַנדער וועלט. אויך די אַפריקאַנישע זון, וואָס באַקט און ברענט, נישט-קוקענ-דיג אויפ'ן חודש נאָוועמבער, לאָזט זיך גוט פיהלען.

איך האָב א טאָג אומגעשפּאַצירט אין די גאַסען, בעזוכט יודישע אַנשטאַלטען, יודישע אָרימע קוואַרטאַלען און אַלץ, וואָס איך האָב געזעהן, איז פאַר מיר גע-ווען ניי. די אייראָפּעער זענען דאָ א גאַנץ בעזונדער וועלט. די איבעריגע גאַנץ אַנ-דערע מענשען, אַנ'אַנדער פאַרב. אַנדערע פּנים'ער, אַנ'אַנדער גאַנג, אַנדערע זיטען און געוואוינהייטען.

ווי פערשידען זיי זענען פון די מענ-שען, צווישען וועלכע איך האָב געלעבט אין אייראָפּא און אין אַמעריקא.

אָבער אויך די אַפריקאַנישע מענשען, די פערשידענע ראַסען דאָ. זענען גאָט'ס קינדער און זיי זענען קינדער פון דער מוטער נאַטור, און אויך זיי האָבען עק-זיסטענץ- און זעלבסט-בעשטימונג בערעכ-טיגונג.

די אַראַבערקעס אין די גאַסען, טראַ-גען שוואַרצע שלייערס אויף זייערע גע-זיכטער; די שלייערס פערדעקען דאָס געזיכט נאָר ביז די אויגען (אויך דאָס איז שוין פּראָגרעס!) און זענען צוגע-העפט דורך א הילצערנעם צוועקעל. איך ווייס נישט ווי דאָס אַנצורופען. זיי טראַ-גען א שוואַרצען טשאַליק איבערן קאָפּ און לאַנגע, טונקעלע מאַנטלען. — אַלע גלייך.

עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַנ'אוני-פאָרמירטע מאַסע בעוועגט זיך שטיל. קיין ליניעס, קיין בויגיגקייט. דער קערפּער ווערט נישט אַרויסגעמאָדעלירט. אַרויס-געשטעלט מיט אַבזיכט.

נאָר אויגען, אומצעהליגע אויגען, מאַנ-כעס מאָל גיט אין זיי א פלאַקער א פער-גנב'עט זינדיג פייערל.

עס איז מיר פערשטענדליך, פאַרוואָס די אַראַבישע דיכטער, ווי אויך די אַמאָ-ליגע העברעאישע דיכטער בעזינגען נאָר די אויגען פון א פרויען-געזיכט.

די אַראַבער געהען אַרום אין ווייטע פאַלטיגע זופּעצעס, וועלכע גרייכען ביז די שפּיץ-נעגעל פון די פיס. א סך פון זיי געהען און שפּאַצירען אַרום גאַנץ באָרוועס. די קעפּ ווילען זיי אַרום מיט רויטע היטער (תרבושים).

די אַראַבישע מענער פּראָנטעווען א סך מעהר, גאָר קיין פערגלייך, פון זייערע פרויען. די מייסטע האָבען וואונדערבאַרע פּלאַסטישע, שטאַלצע געשטאַלטען. ראַ-סיגע מענשען, כאַראַקטעריסטישע, מיט שאַרפע שטריכען, געזיכטער.

די אַראַבער שלייען זיך אַרום אין די גאַסען, ווי עס מאַכט דעם איינדרוק, גאַנץ צוועקלאָז, גלאַט אַזוי זיך, בעזונ-דערס די עלטערע. מאַנכע פון זיי געהען אַרום עפּעס ווי צו א פּאַראַד, צו א רע-ליגיעזער צערעמאָניע, מיט הידור. בכבוד'יג; קיינער פון זיי איילט זיך נישט, לויפט נישט, גיט נישט אוים אי-בעריגע קראַפט, שפּאָרט זיין אינערליכע ענערגיע.

די גאַסען האָבען אַנ'איבערנאַטירליכען קלאַנג און א בעזונדערען ריח, נישט ווי אין אייראָפּא: א געמיש פון מענשליכע שטימען מיט'ן הירזשען און מיט דעם משונה'דיגען שרייען פון איזלען (בעדאַ ווענינ מוזיקאַליש), דורכגעשניטען פון די טעמפּע, הייזעריגע תקיעות, בלאָזען פון די אויטאָמאָבילען.

די אַראַבער רעדען איינע מיט די אַנ-דערע אויפ'ן קול, געהען און רעדען, בלייבען שטעהן הויכענדיג און רעדען, זעצען זיך צו אויפ'ן טראָטואַר און רעדען, דערצעהלען אָהן אַנ'אויפהער.

נישט קוקענדיג, וואָס אַראַביש און העברעאיש זענען טעכטער פון איין סע-מיטישען שטאַם, צווייגען פון איין וואָר-צעל, קלינגט דאָך די לעבעדיגע העב-רעאישע שפּראַך אין די מזרח-לענדער מוזיקאַליש-שעהן, צאַרט און קרעפטיג צו גלייך, פאַרבענרייך און פולטאָניג, מען געפלידערט און ניואַנסירט.

די אַראַבישע שפּראַך, ווי זי ווערט גערעדט אין גאַס, אויך די פּראָקלאַמירונגען און איבערהויפּט אין אַלטעגליכען גע-ברויך, איז אָהן בעטאָנונג, כמעט נישט אַרטיקולירט, אָהן א ברעקעל מעלאָדיע און אָהן אַקצענטען.

דער חי"ת גורגעלט, קראַצט טיף אין האַלז ביי די אַראַבער, ווי זיי וואָלטען אַלע געווען פערכלינעט פונ'ם זאַמד אין דעם מדבר, אין דער וויסטע.

* * *

איך האָב אַרומגעשפּאַצירט מיט מיינע ציוניסטישע בעקאַנטע אינ'ם אָרימען יודישען קוואַרטאַל. דאָס איז שוין געווען פאַרנאַכט.

מיר איז געווען שווער צו אונטערשיידען די יודען פון יענע אַראַבער, וועלכע קליידען זיך אייראָפּעאיש. אויך פון די יודען רעדען אַראַביש. אַנדערע א ריינע אַראַביש און אַנדערע — אַנ'אַראַבישען זשאַרגאָן. קליינע אָרימע און פינסטערע קרעמלעך. צווישען די יודישע קרעמלעך זענען אויך דאָ אַראַבישע קרעמלעך, פון זעלבען טיפּ און פון זעלבען שניט, אָבער זיי זענען אין דער מינדערהייט.

דער אַלגעמיינער איינדרוק פונ'ם יודי-שען קוואַרטאַל: אָרימקייט, שמוץ, אָפּגע-לאָזענקייט און מיאוסטער (פינף פּראָצענט איז א מיאוסטער)-אינטערעסען.

עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די צייט און איהרע נייע ווינטען זענען דאָ פאַר-גליווערט געוואָרען; ענטשוויינען געוואָרען קיין ריחה, קיין ענטוויקלונג, ענדערונג. יודישע פרויען און יודישע יונגלעך און מיידלעך קאָמפּאַשען זיך אַרום אין די הוי-פען, אין שמוץ און מיסט.

און דערביי מאַכען זיי אַלע דעם איינ-דרוק פון צופרידענע. קיין זיפץ, קיין קרעכץ, קיין קלאָגען זיך אויף דער אָרימ-קייט. פרעהליכע קבצנים.

מיר איז געווען שווער אין געוויסע פאַלען צו אונטערשיידען די יודישע מע-נער פון די אַראַבישע, אָבער די יודישע פרויען קען מען נישט פערביטען מיט די אַראַבישע פרויען, אפילו אין די אָרי-מסטע הויפען.

די יודישע פרויען טראָגען נישט קיין שלייערס אויף זייערע געזיכטער, ווייזען זענען זיי טעמפּעראַמענטפולער, ענטפער-רען פריינדליכע מענער, ווען מ'פרעגט זיי וואָס, און לאָזען זיך אַריין אין א גע-שפּרעך.

מיר האָבען געשפּאַצירט אין געוויסע הויפען און אויפ'ן גאַס ביי די קראָמען פון יודישע פרויען, שטעהן אַרום און דערצעהלען אין אַראַביש, מיט א מיטער האַלב-שטים, מעשיות, לאַכט שפּאַסען, פּלאַפּלען, שרייען אויף די קינדער. און אַנדערע זוכען זיך אפילו א חנ'דלען, אָבער א גאַנץ כשר'ע יודישע כן קאָקעטעריע. די אָרימקייט האָט א זיי נישט אָפּגעוואָרפען דאָס וויבליכע.

איינינע יודישע פרויען האָבען צו מיר גערעדט אין א קרעפטיגען, שעהנעם ספרדישען העברעאיש.

איך האָב זיי געפרעגט:

„פון וואַנען קענט איהר העברעאיש? דער ענטפער איז געווען:

„וואָס הייסט, פון וואַנען קענען מיר העברעאיש, מיר זענען דאָך געקומען אין ארץ ישראל, נאָר די פינסטערע מערכה האָט אונז אַהער פערטריבען.

די בעצווירענע אין ארץ ישראל, ה[illegible] טען זיך פאַר די יחוס'דיגע פרויען [illegible] קוקען אַראָפּ פון אויבען אויף די אַנ[illegible] רע פרויען, וואָס שטעהן קולטורעל דערגעריגער פון זיי.

אנגעקלאַגט אין געריכט פאַר גרינדען א ישיבה.

מאָסקווא. (י.ט.א.) איינגיכען וואָס אין פּלאַצק פאָרקומען א פּראָצעס געגען איינינע בעלי-בתים, וועלכע ווערען בע-שולדיגט אין דעם, אַז זיי האָבען גע-גרינדעט מיט א פּאָר חדשים צוריק א ישיבה. וועגען דעם האָט זיך דערוואוסט די „יעווסעקציע" און די אָרגאַניזאַטאָרען זענען אַנגעקלאָגט געוואָרען אין געריכט. די ישיבה איז פערמאַכט געוואָרען.

יעקב פראַנק
דער פערפיהרער פון די פוילישע יודען
היסטאָרישע שילדערונג
— פון — גרשם באַדער.

VI.

יעקב פראַנק הוסט ווידער קיין פּוילען.

אין פּוילען האָט זיך דערווייל בעקאַנט ביי די אונטערזוכונגען, וואָס די רבנים האָבען געמאַכט וועגען די „פראַנקיסטען", איז מען געוואָהר געוואָרען וועגען פער-שידענע מיאוסע מעשים, וואָס די „פראַנ-קיסטען" האָבען אָפּגעטאָן. פיל פון זיי האָבען זיך אַליין מודה געווען, אַז זיי האָבען געגעסען טרפות און פערהייראַטע פרויען האָבען זיך איבערגעגעבען צו פרעמדע מאַנספּי-לען מיט דער צושטימונג פון זייערע איינגענע מענער, וועלכע האָבען זיי איבע-געריעדט, אַז מען דאַרף דאָס טון „לשם מצוה". אין ווארשא האָט אויך דעמאָלט שטאַרק געאַרבייט געגען די פראַנקיסטען דער בעוואוסטער ר' ברוך פון גריכענ-לאַנד, וועלכער איז געווען א חשוב ביים מיניסטער בריהל. זענען אָבער דאָרט געווען איינפלוסרייכע פּרי-צים, וואָס האָבען געהאַט א דירעקטען צוטריט צום קעניג. האָבען זיי דעם קעניג דערצעהלט, אַז די „פראַנקיסטען" ווילען אַנגעמען דאָס קריסטענטום. האָט זיי דער קעניג (דעם 11-טען יוני, 1758) אַרויסגעגעבען אַנ'„איזערנעם בריף", עס זאָל זיי קיי-נער גאָר נישט קענען טון. אין אָט דעם „איזערנעם בריף" האָט דער קעניג גע-שריבען, אַז די „געגנער פון תלמוד" (ד. ה. די פראַנקיסטען) האָבען אויסגע-שטאַנען פיל צרות פון די אַנדערע יודען וואָס האַלטען מיט זיי מלחמה, ווייל זיי אַנערקענען גאָט אין א „דרייאייניגקייט" און זיי ווילען זיך דערנעהנטערען צום קריסטענטום. לאָזט מען זיי נישט דאַ-דורך זיצען במנוחה אין זייער מסחר, אָדער מלאכה, ווייל די יודען, וואָס האַ-טען אָט די מצוות פונ'ם תלמוד, זענען „שלעכטע מענשען, שונאים פונ'ם קריס-טענטום און שטעכען אָט פון יעדען גע-זעץ"...

הערענדיג וועגען דעם „איזערנעם בריף" פאַר זיינע מענשען, האָט פראַנק בעשלאָסען, צו געהן קיין פּוילען. האָט ער (דעם 22-טען אויגוסט, 1758) אַרויס-געשיקט א „שליח מיוחד", אַנזאָגען די בשורה צו אַלע זיינע מענשען — און דעם 25-טען אויגוסט איז די גאַנצע פראַנק'שע מחנה פון אַרום דעם פּרוט און דניעסטער אַנגעקומען אין פּוילען. פראַנק אַליין האָט זיך נאָך עטליכע חדשים צייט געהאַלטען פערבעהאַלטען פון דער עפענטליכקייט. ער איז נאָך ביי זיך גיט געווען זיכער מיט אַלעמען. דערווייל האָט איהם דער פּריץ פון קאַ-מעניעץ געגעבען זיין שוץ, און אַזוי ווי עס האָט זיך דעמאָלט גראָד געמאַכט א בלוט-בלבול אויף יודען, איז פראַנק אַרויסגעקומען מיט אַנ'ערקלערונג, אַז וואָס מען זאָגט אויף יודען, אַז זיי גע-ברויכען קריסטליך בלוט פאַר רעליגיע-זע צוועקען — איז טאַקי אמת (!!!)

זענען דאַן פון דער דאָזיגער נידער-טרעכטיגער ערקלערונג שרעקליכע צרות אַרויסגעקומען פאַר יודען. האָבען די יודען אַרויסגעשיקט א שליח קיין רוים צום פּאַפּסט בענעדיקט דעם פערצעהנ-טען. ר' יעקב זעליג האָט דער שליח געהייסען, און אַזוי ווי יענער פּאַפּסט איז געווען א גערעכטער מענש, האָט ער זיך אין א שטרענגען בריף צום פּאַפּסט-ליכען נונציוס אין ווארשא געשטעלט אויף דער זייט פון די יודען.

פראַנק איז דאַן געווען אין איוואַני. געבען זאָלעשטשיק, פון וואַנען ער האָט אַרויסגעשיקט א רוף צו זיינע מענשען, אַז דער ערשטער שריט זייערער דאַרף איצט זיין, אַנצונעמען קריסטענטום. דערביי האָט ער דערצעהלט, ווי מען האָט איהם אין טערקיי געוואָלט געבען „א האַלבע מלוכה פון אַלכסנדר מוקדון" אַבי ער זאָל דאָרט בלייבען און אָנפיה-רען זיין אַרבייט צווישען די דאָרטיגע יודען, האָט ער דאָס נישט געוואָלט נעמען. „ווייל וויל ליבערשט ליי-דען נויט אין פּוילען, איידער צו לעבען אין עשירות אין טערקיי". גלייכצייטיג האָט ער אויך פערלאַנגט פון זיינע מענשען, אַז אומעטום, וואו זיי וועלען קומען, זאָלען זיי אַרויספאָדערען די יודען צו א וכוח, ווייל „זיי וועלען דאַן מוזען פערשטומט ווערען מיט זייערע טענות און זיי וועלען נישט וויסען וואָס צו ענטפערען"...

אין איוואַני האָט זיך די חבריא אָר-גאַניזירט אויף א קאָמוניסטישען שטיי-גער. וואָס איינער האָט געהאַט אין זיין פערמעגען, דאָס האָט בעלאַנגט צו אַלעמען. ווער ער עס איז צוגעשטאַנען צו דער חברה, האָט נישט מעהר גע-טאָרט האָבען קיין שום זאַך פאַר זיך אַליין. פראַנק האָט געלערנט, אַז יעדער מענש זיינער טאָר נישט האָבען קיין שום פערזענליכע שייכות צו די תלמוד-יודען, און וואָס איינער פערמאָגט, דאַרף זיין דאָס שותפות'דיגע אייגענטום פון אַלעמען, אפילו דאָס העמד אויפ'ן לייב און דאָס ווייב. ס'איז אויך גאָר נישט גרינג געווען, אַנצוקומען אַלס מיטגלידער פון דער חבריא, מען האָט געמוזט זעהר פיל עקזאַמענס אויסהאַלטען און א פּרוי האָט זיך געמוזט אין גאַנצען מפקיר זיין. איינינע האָבען געמוזט שטעהען דריי טעג און דריי נעכט אויף איין פּלאַץ. אַנדערע האָבען געדאַרפט פאַנצען ווי משוגעים און זינ-גען דערביי שפּאַניאָלישע לידער. פונ-דעסטוועגען האָט מען אַנגעהויבען צו קומען צו פראַנק'ן פון אַלע זייטען. אפילו אַזעלכע, וואָס האָבען נישט בע-האַלט צושטעהן צו דער חבריא, זענען אויך געקומען. פאַר יעדע צרה האָט ער געהאַט אַנ'עצה און פאַר יעדער קראַנק-הייט האָט ער געהאַט א רפואה. אויסערדעם האָט ער עס פערשטאַנען, אַרומצודרייען זיך מיט סודות און צו רעדען מיט רמזים, וואָס האָט יעדען אַריינגעבענען די שטאַרקסטע נייגיריג-קייט געהאָריר צו הערען, וואָס עס טוט זיך דאָרט, און קוים איז איינער געווען אינעווייניג, האָט ער שוין נישט מעהר געקענט אַרויסקומען, ווען ער זאָל דאָס אפילו געוואָלט וועלען.

פראַנק איז געווען אַ'בעם-הארץ, האָט ער אָבער געמוזט האָבען עטוואָס אין זיין פערזענליכקייט, וואָס האָט די מענ-שען צוגעצויגען. זיינע חסידים זענען פאַרהאַן בלויז אין א פּוילישער איבער-זעצונג, וואו זיי זענען וואַהרשיינליך פונ'ם איבערזעצער שטאַרק רעדאַגירט געוואָרען. מוז מען זיך דערפאַר וואונ-דערען, וואָס אַזעלכע „באַנאַליטעטען" זענען אין יענער צייט בעטראַכט גע-וואָרען אַלס געדאַנקען, וואָס מען דאַרף זיך אין זיי פערטיפען. אַזוי פלעגט ער, למשל, דערצעהלען מעשיות וועגען קע-ניגע און פּרינצען, וועגען קרישטאָלענע פּאַלאַצען און גאָלדענע קליידער, וועגען גאָלדענע שלאַנגען און פערד, וואָס פלי-הען אין די לופטען. אָט די מעשיות מיט זייער שטאַרקער אָריענטאַלישער פאַנטאַזיע האָט ער זיכער אַנגעהערט אין טערקיי. האָבען דאָס זיינע מענשען שפּעטער צולייגט אויף פּלעלעך און אויסגעטייטשט, אַז עס שטעקען אין זיי טיפע געדאַנקען, אַז פראַנק האָט זיי מיט די מעשיות צוגעזאָגט גאָלדענע גליקען, ווען זיי וועלען אָן איהם גלויבען און זיי וועלען טון אַלצדינג, וואָס ער הייסט.

ביי אַנדערע געלעגענהייטען פלעגט ער זאָגען:

— „איך וועל אייך ווייזען גאָט, ווייל איך האָב דעם כח און די מעגליכקייט צו דעם, מיך האָט דער אויבערשטער צו דעם אויסגעקליבען און פונ'ם הימעל האָט מען מיר צו וויסען געגעבען, וואָס איך זאָל טון. דאַרפט איהר דערפאַר טון אַלצדינג, וואָס איך הייס, ווייל ווער עס וועט דאָס טון, וועט קריגען אַזא שכר, וואָס אייערע עלטערן און אור-עלטערן האָבען נישט זוכה געווען צו דעם".

— פאַרהאַן — האָט פראַנק אַמאָל געזאָגט — אַזאַ מין קרייטעכץ, וואָס מען קען עס אויסרייסען בלויז מיט שווייגען, ווי שלמה המלך האָט געזאָגט „עת לחשות ועת לדבר". דאַרפען מיר זיין געוואָרענט, נישט אויפצוהויבען הויך אונ-זער שעם צווישען די גוים, ווייל עס שטעקט אין ידער זאַך אַנ'אויפענהעניגי-סטע כונה און אַנ'אינהאַלטניגסטע. גלייך ווי א קרייטעכץ קען אַמאָל פון אויסצו-וואַקסען אויסזעהן ווי גיפטיג און אינעווי-ניג זאָל עס גאָר האָבען דעם בעסטען טעם.

אַלע אמונות און אַלע געזעצען פון דער וועלט, וואָס זענען אויפגעשריבען געוואָרען ביז היינט, — האָט פראַנק ווי-טער געזאָגט — ווען איינער ליינט זיי, איז דאָס גלייך מען זאָל זיך וועלען אומ-קוקען אויף צוריק און בעטראַכטען זא-כען, וואָס זענען שוין לאַנג געשטאָרבען. אָבער דער קלוגער מענש דאַרף תמיד האָבען אַנ'אויג, אויף דעם וואָס געהט פאָריתער. מען דאַרף אויך וויסען, אַז עס זענען פאַרהאַן זאַכען, וואָס דער אָנהויב זייערער איז זיס און דער סוף ביטער, גלייך ווי עס זענען פאַרהאַן זאַכען, וואָס דער אָנהויב זייערער איז ביטער און דער סוף זיס. ווען איך זאָג אייך אַלזאָ אַמאָל א ביטער וואָרט, דאַרפט איהר שווייגען און האָבען בגדולה, ביז איהר וועט זוכה זיין, צו דערשפּירען דאָס זיס-קייט.

פאַרהאַן — האָט ער אַמאָל געזאָגט— א בוים פון לעבען, וועלכער שטעהט אין גאָט'ס גאָרטען, וואָס איינער פון זיינע צווייגען איז פון בליי און אַנ'אַנדער צווייג איז פון קופּער. און נאָך איין צווייג האָט יענער בוים, איז ער פון גינגאָלד. עס וועט אויך אַמאָל קומען א טאָג, וואָס די וועלט וועט אַנגעפילט ווע-רען מיט בשמים, וועט דער בוים פון לעבען אַנטפּלעקט ווערען פאַר דער גאַנ-צער וועלט, וועלען די מענשען זעהען, ווער עס מעג אָנכאַפּען דעם צווייג פון גינגאָלד.

(דאָס ווייטערע קומט)

לאדזער כראניק.

פון דער יודישער קהלה.

(ג) ס"ח האט חוה-ישראל די פסח-הלכם-אקציע אנגעטראפען קנאפע 95 טויזענד זלאטים.

באלד נאך פסח וועט צונויפגערופען ווערען א זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג, וועלכע וועט צוזאמענשטעלען אויסארבעטען דעם קהלה-בודזשעט פאר 1927.

וועלכע רעכנונגען זענען פריי פון שטעמפעל-מארקע.

(או) די פינאנץ-קאמער דערמאנט, אז רעכנונגען פון אבנעמען געלד ביז 50 זלאטים זענען פריי פון שטעמפעל-מארקען.

גרויסע הייל-אנשטאלט וועט די קראנקען-קאסע אנהויבען צו בויען.

(או) די קראנקען-קאסע האט אנגעהויבען אנ'ענערגישע ארבייט צוצוגרייטען צו פאר-ארבייטען פון דער גרויסער הייל-אנשטאלט אויף לאגעווניצקא גאס. די הייל-אנשטאלט ווערט אין קורצען אנגעהויבען צו בויען.

נאכ'ן מארד פון פרעזידענט צינארסקי.

די מערדער זענען געכאפט געווארען א דאנק דער מעלדונג וועגען א בעלוינונג פון 5000 זלאטים פאר דעם, וואס וועט אנווייזען, ווער זיי זענען.

(או) נעכטען א זייגער 11 פארמיטאג איז אין דער קירכע אויף שענקעוויטשא גאס פארגעקומען א טרויער-גאטעס-דינסט פאר דער נשמה פון טראגיש-אומגעקומענעם פרעזידענט צינארסקי. די תפלה האט געהאלטען דער בישאף טימיעניעצקי.

אויפ'ן גאטעס-דינסט זענען אנוועזענד געווען פארשטעהער פון אלע אמטען ביים מאגיסטראט מיט די וויצע-פרעזידענטען וואיעוואדזקי און גראשקאווסקי בראש, דער פרעזעס פון שטאט-ראט ד"ר פיכנא, וואיעוואדע יאשטשאלט, שול-קוראטאר אוועגסקי, וויצע-פרעזעס פון קרייז-געריכט ווימראווסקי, פארשטעהער פון געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס, פאליציי-מאכט און מיליטער-מאכט.

בעת'ן גאטעס-דינסט האט געשפילט א טרויער-מארש דער פילהארמאנישער ארקעסטער און דער ארקעסטער פון 28. פולק. די אמטען פון מאגיסטראט זענען אלס צייכען פון טרויער נישט טעטיג געווען ביז 11 א זייגער פארמיטאג.

* * *

(או) ווי מיר דערוויסען זיך, ווערט די אויספארשונג געגען די מערדער פון פרעזידענט צינארסקי אין די נאהענטסטע טעג פערענדיגט. דערנאך וועט צוזאמענגעשטעלט ווערען דער בעשולדיגונגס-אקט, וועלכער וועט איבערגעגעבען ווערען דער געריכטס-מאכט.

נעכטען זענען נאך אמאל געקומען אין אויספארשונגס-אמט די פאמיליעס פון די מערדער און געבעטען אנ'ערלויבניש צו זעהען זיך מיט די מערדער.

די ערלויבניש צו זעהען זיך האבען זיי נישט בעקומען.

* * *

(!) ווי עס שטעלט זיך ארויס, איז דער פאליציי געלונגען צו ארעסטירען די מערדער א דאנק דער מעלדונג, וואס איז באלד אין טאג פון מארד צוגעהאנגען געווארען אין דער שטאט, אז פאר אנווייזען די מערדער בעקומט מען א בעלוינונג פון 5000 זלאטים.

אויפ'ן דריטען טאג נאכ'ן מארד האט זיך אין אויספארשונגס-אמט געמעלדעט א פערזאן, וואס האט ערקלערט, אז ער איז גרייט אנצואווייזען, ווער די מערדער זענען און וואו זיי וואוינען.

דער ליימער פון אויספארשונגס-אמט האט אריינגעבעטען די פערזאן אין א בעזונדערן קאבינעט. בעקומענדיג די אדרעסען פון די מערדער, זענען גלייך ארויסגעשיקט געווארען עטליכע אגענטען, וועלכע האבען די מערדער ארעסטירט.

די פערזאן, וואס האט אויפגעגעבען די אדרעסען, האט בעקומען אויסגעצאהלט די בעשטימטע 5000 זלאטים.

* * *

עס בעשטעטיגט זיך די ידיעה, אז ביידע מערדער ווערען געשטעלט פאר א שטאנד-געריכט.

דעם בעשולדיגונגס-אקט שטעלט צוזאמען דער פראקוראר שמידט.

* * *

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט אויף דער נאהענטסטער זיצונג פון שטאט-ראט אריינגעטראגען ווערען א פארשלאג, אז איינע פון די הויפט גרעסטע גאסען זאל אנגערופען ווערען אויפ'ן נאמען פון טראגיש-אומגעקומענעם פרעזידענט צינארסקי. עס קומען אין בעטראכט די פושעיאזד און די אנדזשעיא.

* * *

צו דער פאמיליע פון ערמארדעטען פרעזידענט קומען כסדר אן קאנדאלענץ-דעפעשען. אין פערלויף פון די לעצטע 2 טעג זענען צווישען אנדערע אנגעקומען טרויער-דעפעשען פון די שטאט-פרעזידענטען פון ווארשא, לעמבערג, פאזען, ווילנא, קראקא, קאליש, לובלין און אנ'ר.

צוזאמענשטויס צווישען אנ'אויטא-מאביל און א טראמוואי.

א פאבריקס-דאקטאר שווער פערוואונדעט געווארען.

(§) נעכטען זענען די דארטיגע פון דער פעטריקאווער גאס נעבען הויז נומער 205 איבערראשט געווארען פון א שרעקליכען פארפאל.

פון פרייהייטס-פלאץ איז מיט דער גאנצער קראפט אנגעקומען א טראמוואי און פון דער ענטקעגענגעזעצטער ריכטונג איז אנגעקומען אנ'אויטאמאביל, אין וועלכען עס איז געפאהרען דער דירעקטאר פון ווידזעווער אקציען-געזעלשאפט ארווין. אין מאמענט, ווען דער אויטאמאביל האט זיך געוואלט אריינדרעהען אין נאהענטסטע דאר, האט דער מאטאר עפעס אויפגעהערט צו דינען דעם שאפער, און דער טראמוואי איז ארויף אויפ'ן אויטאמאביל. דער אויטא איז פולשטענדיג צעקלאפט געווארען. דער טראמוואי איז אויך שטארק בעשעדיגט געווארען. דער דירעקטאר ארווין איז שווער פערוואונדעט געווארען און אבגעפיהרט געווארען אין שפיטאל. וועגען פארפאל איז צוזאמענגעשטעלט געווארען א פראטאקאל.

נייע שפינערייען ווערען אויפגעבויט אין לאדז.

אויסלענדישע קאפיטאליסטען לעגען אריין געלד אין די נייע געביידעס.

(ע) די לאגע אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע און די לעצטע חדשים האט זיך געענדערט צום גוטען. אין דעם לעצטען האלב יאהר זענען אויפגעבויט געווארען א גאנצע רייה נייע שפינערייען. די אונטערנעהמער האבען בעקומען ספעציעלע קרעדיטען אויף דעם צוועק. צווישען אנדערע האט די „ווידזעווער מאנופאקטור" בעקומען אנ'8-יעהריגען קרעדיט אין אמעריקא. דאס בעווייזט, אז די פוילישע אינדוסטריע האט געוואונען דאס צוטרויען אין אויסלאנד און די אויסלענדישע קאפיטאליסטען לעגען גערן אריין זייער געלד אין היגע אונטערנעמונגען. די „ווידזעווער מאנופאקטור" בויט אויף פאר דעם בעקומענעם געלד א גרויסע שפינעריי אויף 65 טויזענד שפינדלען, איינגעארדענט לויט די נייעסטע פערבעסערונגען פון דער מאדערנער טעכניק. דאן בויט אויף איינער'ס טעקסטיל קאנצערן אין פאביאניץ א שפינעריי אויף 15 טויזענד שפינדלען. די פירמא אימיינגאן א שפינעריי פון 15.000 שפינדלען, ווייטערט — 6 טויזענד שפינדלען, פריידענבערג — 6 טויזענד שפינדלען, און נאך עטליכע פירמעס בויען נייע שפינערייען. די ארבייט איז אומעטום אין פולען גאנג און גאר אינגיכען זאלען די נייגעבויטע פערטיג ווערען. א חוץ דעם ברענגען די לאדזער אינדוסטריעלער מאשינען פון אויסלאנד פאר זייערע פאבריקען. אין דער וואיעוואדזטווא פליסען אריין טאג-טעגליך פיל פירמעס וועגען ערלויבנישען צו ברענגען די מאשינען פון אויסלאנד קיין לאדז.

די הילפס-אקציע פון פעראיין „עזרה".

(ג) זייט עטליכע און צוואנציג יאהר עקזיסטירט אין לאדז א פילאנטראפישע אינסטיטוציע „עזרה", וואס בעשטעהט פון א 30 אנגעזעהענע לאדזער יודישע פאבריקאנטען און סוחרים, וועלכע האבען זיך געשטעלט פאר א ציל ארויסצוגעבען משנה לשנה אויף פסח שטיצע פאר בכבוד'ע יודישע פאמיליעס. דער איינציגער ציל ווערט, צום לויב פון דער חברה „עזרה", אויסגעפיהרט אויף א מוסטערהאפטען אופן ביי דער גרעסטער געהיימהאלטונג פון מקבלים.

אויך אויף דעם היינטיגען פסח האט די גרופע „עזרה" אויפגענומען פערהעלטניס-מעסיג זעהר א סך לטובת אומגליקליכע בכבוד'ע יודישע פאמיליעס, און א צאהל פון קרוב 1200. „עזרה", וואס אין איהר שפיץ שטעהט דער לאדזער אינדוסטריעלער און עסקן ה' א. מ. מינץ, האט נעמליך ארויסגעגעבען פארציעס פראדוקטען פאר עטליכע טויזענד מאן. עס איז כדאי צו בעמערקען, אז יעדע פערזאן פון יעדער פאמיליע, וואס האט גענאסען פון שטיצע פון „עזרה", האט בעקומען פראדוקטען אין דער ווערט פון 20 זל.

נעכטען פרייטאג איז געקומען צום פארזיצער פון „עזרה", ה' א. מ. מינץ (פושעיאזד 6) א דעלעגאציע פון די מקבלים, וועלכע האבען איהם אויסגעדריקט א דאנק פאר דער שטיצע פון מעהרערע הונדערטער פאמיליעס.

זאל פילהארמאניע

נארוטאוויטשא 20.

נאר 5 גאסטראלען פון ווארשעווער יודישען קליינקונסט-טעאטער

סמבטיון

בראש מיט די בעריהמטע ארטיסטען ליבלינגע פון ווארשע

עווא שטאקפעדער, הערמאן פעניגשטיין, דוד לעדערמאן, י. נאזשיק

היינט, מיטוואך, ד. 20-טען

נאר 1 פארשטעלונג פינקטליך 9 אווענד

צום לעצטען מאל די גלענצענדע גראטעסקע, וועלכע האט געמאכט אזא גרויסען רושם א. ג.

סמבטיון 1

אין 2 אקטען 12 בילדער מיט פראלאג און עפילאג צוזאמענגעשטעלט און רעזשיסירט: י. נאזשיק, מוזיק ש. וויינבערג, דעקאראציעס: ה. וויינבערג, סמבטיון-דעלעגאט: ה. פעניגשטיין.

סקעטשען — הומאר — כארעאגראפיע — סאטירע — געזאנג.

טעקסטען פון די בעוואוסטע שרייבער: מ. גאדיר, דער טונקעלער, נאדעלמאן, ל. האכשטיין, לוסטיגער פעסימיסט, י. נאזשיק. — ס'נעמען אנטייל פרויען: ע. שטאקפעדער, ר. גאזעל, מ. מאנעלא, ב. פערבער, מענער: ה. פעניגשטיין, ד. לעדערמאן, י. נאזשיק, מ. שטאקפעדער, י. בירנבוים, ה. גרינשפאן, מ. לעהין.

אנאנס: די טאג קומט דער גרויסער שלאגער פון סמבטיון, וועלכער האט אויפגערודערט ווארשע

זלאטע די רביצין

אקטועלע רעווי אין 10 בילדער פון י. סכין.

!!! אייגענע קינסטלערישע דעקאראציעס, קאסטיומען, בוטאפארען און ליכט-עפעקטען. !!!

דירעקציע: ש. וויינבערג. פארשטייער פון סמבטיון א. שטאקפעדער.

Grand-kinO——Apollo

היינט, די לאנג-ערווארטעטע גראנדיעזע יודישע פרעמיערע! גרויסער יום-טוב-שלאגער! מייסטערווערק פון דער יוד. פילם-קונסט

יודישע גליקען

קאמ.-דראמא אין 10 אקטען לויט'ן „מנחם מענדעל" פון שלום עליכם אין דער אויספיהרונג פון די ארטיסטען פון „הבימה" און פון יודישען קאמער-טעאטער אין מאסקווא. רעאליזאציע פון סאווקינא און נעסקינא — מאסקווא. אנהויב אין די וואכען-טעג 5 א זייגער נאכט. שבת און זונטאג 2 א זייגער נאכמיטאג לעצטער סעאנס אין 10 אווענד.



היינט — אבצייכען-פערקויף לטובת דעם קינדער-היים „הרצליה".

דער היינטיגער אבצייכען-פערקויף אין די גאסען פון דער שטאט איז לטובת דער אבטיילונג „הרצליה" (צעגעלניאנא 75).

די סימפאטישע אינסטיטוציע, וועלכע ענטוויקעלט זיך א רייה יאהרען א פרוכטבארע פילאנטראפיש-ערציהערישע טעטיגקייט צווישען די ארעמסטע קינדער פון דער שטאט, איז זיכער ווערט ברייט אונטערשטיצט צו ווערען פון אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג. עס איז דעריבער צו האפען, אז די היינטיגע זאמלונג וועט האבען דעם נויטיגען ערפאלג!

א דינסט, וואס ווערט געכאפט ביי א גנבה, דערשיסט זיך.

(§) נעכטען איז אין דארף סאקאלניקי, לאדזער קרייז געשעהן א זעלבסט-מארד, וואס איז בעגאנגען געווארען ביי זעלטענע אומשטענדען.

די 21-יעהריגע פראניסלאווא משעלינסקא איז געווען א דינסט ביי דעם רייכען פויער סקארזשינסקי. נעכטען איז סקארזשינסקי און זיין פרוי אוועק צו זיין ברודער. די דינסט, בלייבענדיג אליין, האט גענומען איינפאקען די זאכען. פלוצלינג איז אנגעקומען דער בעל-הבית אהיים. די דינסט האט זיך דערשראקען, געכאפט א רעוואלווער פון דער שאנק און זיך דערשאסען. דער ארויסגערופענער דאקטאר האט קאנסטאטירט דעם טויט.

שערזשאנט דערשיסט זיך אין דער אייגענער וואוינונג.

(§) נעכטען איז דער 26-יעהריגער שערזשאנט פון 28. פולק סטאניסלאוו מילטשארסקי בעגאנגען זעלבסטמארד, דערשיסענדיג זיך אין זיין אייגענער וואוינונג אויף סקלאדאווא 11.

דערהערענדיג שיסען, האבען די שכנים פון הויז אויפגעריסען די טיר פון שערזשאנט'ס וואוינונג. אנגעוועזען האט זיך פאר זייערע אייגענע אויגען פארגעשטעלט א שרעקליך בילד: דער שערזשאנט איז געלעגען אויף דער פאדלאגע אין א טייך בלוט. דער ארויסגערופענער פאגאטאוויע-דאקטאר האט נישט מעהר געקאנט טון, ווי פעסטשטעלען דעם טויט. די סבה פון זעלבסטמארד איז פאמיליען-סכסוכים.

פון „בר כוכבא".

היינט, מיטוואך, 8.30 אווענד ארגאניזירט די שווער-אטלעטישע סעקציע פון „בר-כוכבא" אין אייגענעם לאקאל (פאלודניאווא 11) קלוב-מייסטערשאפט קאמפען און געוויכטער הויבען אויפ'ן יאהר 1927. אין קאנקורס נעמען אנטייל די בעקאנטע אטלעטען ווי פוילישער מייסטער מאיר וויינגארטען, ווענגראמיען, לונגער, מינץ און אנדערע.

וועמענס קינד?

(ג) ביי הרב ר' לייבוש ראזענבערג געפינט זיך א פערבלאנדזשעטע יונגעל פון אנ'ערך 5 יאהר. סימנים: דאס קינד איז אהן א היטעל און אין א ברוין-סאמעטע אנצוגעל.

גרויסער ערפאלג פון „סמבטיון".

די ערשטע יום-טוב פארשטעלונגען פון סמבטיון האבען געהאט א זעהר גרויסען ערפאלג. די טרופע בעשטעהט פון ערשט-קלאסיגע קרעפטען, וועלכע פיהרען ארויף די נומערן מיט דער גרעסטער פערשטענדניש.

דאס פובליקום וויילט זיך אויסגעצייכענט.

א קאמישע געשיכטע מיט א גנבה.

איין גנב שפרינגט אויף אנדערן און ביידע ווערען ארעסטירט

(§) נעכטען איז אין קרייז-געריכט פארגעקומען דער פראצעס געגען די 2 פראפעסיאנעלע גנבים, דעם 17-יעהריגען יחיאל מאיר פוקס און דעם 18-יעהריגען משה קינאס, וועלכע זענען שוין 4 מאל פער'משפט געווארען דורכ'ן קרייז-געריכט פאר גנבות.

די גנבה, וועלכע האט די דערמאנטע גנבים געפיהרט אין געריכט אריין, איז געשעהן ביי זעהר קאמישע אומשטענדען.

אברהם פוקס, א בעקאנטער לאדזשער סוחר האט זיך מיט א יאהר צוריק ארויסגעצויגען אין א נייער וואוינונג אויף נאוואמיעסקא 12, וואו נעבען דער וואוינונג געפינט זיך א געוועלב.

דעם 30. נאוועמבער 1926 האט ער אויסגעניצענדיג דעם יום-טוב, פערמאכט די וואוינונג און דאס געוועלב און אוועק צוזאמען מיט דער פרוי אויף א וויזיט. ווען ער איז א זייגער 7 אין אווענד צוריקגעקומען, האט ער דורכ'ן פענסטער אריינקוקענדיג אין געוועלב, בעמערקט צוויי פערזאנען, וועלכע האבען איינגעפאקט די זאכען.

אברהם פוקס האט דאן געהייסען די פרוי ווארטען פאר'ן טויער און אליין האט ער מיט א שטעקען געעפענט די טיר און איז אויף די פינגער אריין אין געוועלב, וואו עס האבען זיך געפינען די נישט-געוואונשענע געסט.

די גנבים האבען פלוצלינג בעמערקט דעם בעל-הבית. איינער האט אויסגעהאקט א שויב און ארויסגעשפרונגען דורכ'ן פענסטער. ער איז ריכטיג פערוואונדעט געווארען אין די קנע און אויסגעפאלען א בעוואוסטלאזער. דער צווייטער איז אויך ארויסגעשפרונגען, אבער נישט ווייסענדיג, אז זיין חבר ליגט שוין פענסטער, איז ער ארויפגעפאלען אויף זיין קאפ און געבליבען ליגען אויף דער ערד. די שכנים פון הויז האבען די צוויי גנבים איבערגעגעבען דער פאליציי.

דאס געריכט האט יחיאל מאיר פוקס'ן פער'משפט אויף 3 יאהר טורמע און דעם צווייטען גנב, משה קינאס, אויף אנדערהאלבען יאהר טורמע.

יודישע פרוי ווערט געברענגט צו קבורה 4 טאג נאכ'ן אפשטארבען

צוליב דעם קאפריז פון א יודישען דאקטאר.

(ג) אין ראדאגאשטשער שפיטאל האט פאסירט פאלגענדער פערדריסליכער פאקט:

פרייטאג בייטאג איז אין שפיטאל געשטארבען די 32-יעהריגע יודישע פרוי גרינבערג (בזשעזשינער 32), וועלכע האט נאך זיך איבערגעלאזט 5 קליינע קינדער.

דער מאן פון דער פערשטארבענער האט נישט קוקענדיג אויף אלע שוועריגקייטען, דורכגעפיהרט אין דער ראבינאט קאנצעלאריע און אין ציוויל-שטאנד-אמט אלע פארמאליטעטען, כדי די לויה זאל קאנען פארקומען. די לויה האט אבער פרייטאג נישט געקאנט זיין צוליב דער שפעטער שעה. כידוע, טאר מען דאך אום שבת נישט קובר זיין א יודישען מת. האט דעריבער די חברה „נושאי המטה" זונטאג, דעם ערשטען טאג פסח זיך געווענדעט אין דער שפיטאל-קאנצעלאריע מיט די נויטיגע דאקומענטען, כדי ארויסצונעמען פון דארט די פערשטארבענע יודישע פרוי און זי ברענגען צו קבר-ישראל. דער ליימער פון שפיטאל ד"ר קראקאווסקי האט אבער אבגעזאגט ארויסצוגעבען דעם מת דערפאר, ווייל אויפ'ן צעטעל פון דער ראבינאט-קאנצעלאריע איז נישט געווען די אונטערשריפט פון א קהלה-פרנס, ווי דער מנהג איז. בלית ברירה האבען די חברה-לייט זיך אומגעקעהרט פונ'ם שפיטאל אהן דעם מת (הגם דאס פעהלען פון דער דאזיגער אונטערשריפט איז קיינמאל, אין אזעלכע פאלען, נישט געווען די מניעה צום ארויספיהרען די קבורה!) דער טויטער קערפער פון דער יודישער פרוי איז ווייטער געבליבען ליגען אין דעם מתים-שטיבעל און דער דאקטאר האט זיך אלץ נישט געלאזט איבערצייגען, אז אום יום-טוב קאן דער צעטעל נישט אונטערגעשריבען ווערען און אין אזעלכע פאלען קומט שטענדיג פאר די קבורה אהן שטערונגען. דער ראזאר שרייבט אונטער ערשט נאך יום-טוב.

אזוי ארום איז דער יודישער מת געקומען צו קבר-ישראל ערשט יעהרגעכטען, מאנטאג אין אווענט, ד. ה. 4 טאג נאכ'ן שטארבען.

קאסיר פון דער קאאפעראטיוו-באנק ארעסטירט געווארען פאר בעגעהן מיסברויכען.

די דירעקציע פון דער באנק ביים פערבאנד פון די קאאפעראטיוון אויף שענקעוויטשא 24 האט דערהאלטען אנ'אנאנימען בריף, אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט, אז דער קאסיר פון דער באנק, אנטאני קויאווסקי, וויאלעגסקא 6, בעגעהט מיסברויכען און פיהרט א פערשווענדערישע לעבען.

די דירעקציע האט אונטערנומען אנ'אויספארשונג. ביים איבערקוקען די ביכער האט זיך ארויסגעשטעלט, אז עס פעהלט אין דער קאסע ביז 4000 זלאטים. דער קאסיר האט נישט געקענט ענטפערן, וואו ער האט דאס געלד אהינגעטון. ער איז דעריבער ארעסטירט געווארען. די אויספארשונג וועגען די מיסברויכען דויערט.

ווער ס'בעקומט איצט

צוגעשיקט א נאקאז פלאטניטשי

אויף פאדאטעק אבראטאווי פאר'ן גאנצען יאהר 1926

(podatek obrotowy 1926)

און געפינט איהן, אז מ'האט איהם צו הויך אנגעשאצט, זאל וויסען, כדי נישט צו פערשפעטיגען דעם טערמין, קומען שרייבען א רעקורס אינ'ם לעגיטימירטען רעכטס-קאנסולטענטען-ביורא

זינגער, זאכאדניא 36.

W BIAŁEJ SALI Manteufla, Zachodnia 43

Komitet Rodziców przy 8 kl. kursach gimn. K. Wolfsonowej urządza DZIŚ 20. kwietnia na rzecz kolonji letnich

2 PRZEDSTAWIENIA

1) Dla dzieci o godz. 3½, z bardzo urozm. programem i niespodziankami. Wykonują dzieci z freblowki i uczenice. 2) Dla młodzieży i dorosłych od godz. 7.30, również z bardzo ciekawym programem na który składa się „Posażna Jedynaczka". Fredry, monologi, tańce chóry i t. p. Wejście od 1—2 zł.

געשמאקפאלע
דרוק-זאכען
אין עלעגאנטער און איינפאכער אויספיהרונג
קאמפלעטן, רעכענונגען, בריפבויגען,
חתונה-קארטען,
קאנווערטן, פאסטקארטען א. ז. וו.
ליפערט פרייזווערט און שנעל
די בוכדרוקעריי פון
ע. און מ. האמבורסקי
פיעטריקאווער 16, טעלעפאן 47.
מארעס-אנצייגען (סלעפסידרעס)
ווערן אין פארלויף פון 1 שעה אויסגעארבייט און אויס-געקלעבט אין דער שטאט.

ענטשולדיגונג.
איך בעט ענטשולדיגונג ביי דער פארוואלטונג פון פראפ. פעראיין פון צייטונגס-פארשפרייטער אין לאדז פאר מיינע אונטאקטישע אויסדריקען אויף זייער אדרעס. איך פערזיכער, אז מעהר וועט אזעלכעס נישט פארקומען און איך װאָרף זיך אונטער אלע בעשלוסען פון פעראיין.
מיט אכטונג
שמואל באראווסקי.

עלטערן!
פאר 3 זלאטיס א וואך
ווערט געלערנט מיט קינדער, וואס לערנען אין פאלקס-שולען: חומש, רש"י, נ"ך, משניות, גמרא, יהדות, היסטאריע, רעדען און שרייבען העברע-איש, און יודישע בריף זעלבסט צוזאמענשטעלען, דורכן בעוואוסטן ארטאדאקס. העבראישען לעהרער
י. ד. ראזענפעלד פל. וואלנאשטשי 6
קווער אפיצינע רעכטס 2 שטאק.
ס'ווערן אויך אנגענומען אנפענגער פון 5 יאהר אן.
„א שטרענג רעליגיעזע ערציהונג"!
„ערפאלג גאראנטירט"!

צו אלע פרויען און מענער!
פארהאן זאכען וועגען וועלכע מ'רעדט נישט אין א פאלידער, רוהיגער פאמיליע, אבער דאך זענען זיי גורם צו פארשידענע מחלוקת'ן און טייל מאל דערגרייכן זיי אפילו צום גט...
דאס וויכטיגסטע פון זיי איז דער אומאנגענעהמער גערוך פון מויל וועלכער מאכט אפילו דעם ליבליכסטען מענש אומערטרעגליך, דעם דאזיגען עקלהאפטען גערוך קען מען שטענדיג בעזייטיגען נאר די איינציגע
FERMENTINA
א ווירקזאם מיטעל געגען דעם ריח פון מויל, וואס איז בעשטעטיגט געווארען דורך די אויטאריטעטען פון דער מעדיצין. „פערמענטינא" בעזייטיגט דעם אומאנגענעהמען גערוך, קאנסערווירט די ציין, שטארקט די דזשאנסלעס און מאכט דאס אויסאטעמען אנגענעהם.
ROMAN WŁODARSKI WARSZAWA, Lubieckiego 5 הויפט-סקלאד אויף פוילען:
צו בעקומען אין אלע אפטייקען, אפטייק-סקלאדען און פערפומעריע-געשעפטען. פרייז זל. 2.75 פאר שטיק. ווען מ'קריגט נישט, דארף מען זיך ווענדען צום הויפט-סקלאד אויף פוילען. פאר קויפט פון דער פראווינץ ווערט ארויס-געשיקט נאכ'ן בעקומען פאראויס 3 זל. אדער 3.50 אויף א נאכנאהמע. היט זיך פאר פעלשונגען!
פערמענטער אויה בעזונדערע שמעט אויף אייגענער רעכנונג ווערט געוואונשען.

ווארנונג
עכטע נאר אין דער פאקונג.
צוליב דעם, וואס אין פערקויף האבען זיך בעוויזען פרעפאראטען, וואס מאכען נאך אונזער מיטעל Sudoryn וועלכעס אונטערשיידעט זיך נאר אין נאמען מיט נעגען שווייס, איינציגע געענדערטע בוכשטאבען, ווארנען מיר דאס ג' פובליקום, אז דער ריכטיגער, פון פופציג יאהר
SUDORYN
מיט'ן זיגעל
ווערט אויסגעארבייט נאר אין אונזער לאבאראטאריע, אויף וואס מיר בעטען ביי'ם קויפען
גוט אכטונג צו געבען.
אין דערזעלבער צייט ווארן איך די בעוויסענלאזע פאלסיפיקאטארען, אז מיין מיטעל איז פאטענטירט, און אז אלערליי פעלשונגען וועל איך פערפאלגען געריכטליך.
Fabryka Chemiczno-Farmaceutyczna
„Ap. KOWALSKI"
W WARSZAWIE.

לאמבארד. א ליציטאציע.
די ווארשאווער לייה-אקציען-געזעלשאפט
אויף בעוועגליכע משכנות, אפטיילונג אין לאדז, זאכאדניא 31
מאכט בעקאנט, אז ד. 27. און 28. אפריל 1927 וועלען ווערען פערקויפט דורך א עפענטליכע ליציטאציע די אין זמן צייט נישט פראלאנ-גירטע משכנות. די פראצענטער דארפען איינגעצאהלט ווערען פאר'ן 23. אפריל 1927, ווייל נאכ'ן דאזיגען טערמין וועלען די משכנות-בעלייבער מוזען צוצאהלען די קאסטען פון דער מלוכה'שער פראפיר-געשטעלט פאר דער דורכגעפיהרטער פריבען-פעטשטעלונג. די ליסטע פון די № № פון די משכנות, וואס אונטערליגען דעם פערקויף, וועט ווערען פערעפענטליכט אין „קוריער לודזקי" און עס וועט אויסגעהאנגען ווערען אין דער ביורא זאכאדניא 31.

סענסאציע! סענסאציע
בעריהמטער פאטאגראף-קינסטלער, פיהרט
אויס פאטאגראפיעס אהן קאנקורענץ!
יעדע פאטאגראפיע איז א קונסט-בילד!
ספעציאליסט פון קינדער-אויפנאהמען נעמט אן אלערליי בעשטעלונגען און קומט צו די קליענטען א היים. די אויפנאהמען ווערען אויס-געפיהרט דורך א אפאראט פון דער נייעסטער טעכניק ביי די הילף פון קינסטליכען ליכט. א חוץ דעם ווערען אויסגעפיהרט אלערליי אויפנאהמען ווי: פארטרעטען, חתונות, ספארטס, טעא-טער און מצבות-אויפנאהמען אויך בעשטעלונגען אויף ארויס-צופאהרען. דאס וועטער און די צייט פון טאג שטערט נישט צו די אויפנאהמען. נישט קוקנדיג אויף דער גרויסער בעקוועמליכקייט זענען די פרייזען זעהר צוגענגליך. בעשטעלונגען ווערען אנגענומען פון 8 זייגער פריה ביז 8 נאכט.
זאוואדזקא 39, 3-טער שטאק, אפיצינע ביי הערשאפט סאאור.
גוט און ביליג! גוט און ביליג!

אבאנירט דאס „לאדזשער טאגעבלאט".

Chorzy na cukrzycę
otrzymują bezpłatnie dokładną broszurę Nr. 10. Dr. Hugo Caro, Sp. z o. o. Gdańsk.

יעדער איינציגער האט זיך איבערצייגט, אז פאר
מעבעל
דיוואנעס, פעלצען, ניי-מאשינען, גארדעראבען א.ז.וו.
צאהלט די העכסטע פרייזען
א. וויצמאן נארוטאוויטש 19 (דזיעלנא)
אין מעבעל-געשעפט (פריוו.-וואוינ.) שטנקעוויטש 29
ביי מיר איז שטענדיג פערט. גענוצטע מעבעל
אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

א מעבלירט צימער
ביי א אינטעליגענטע פאמיליע מיט עלעקטריש ליכט צו פערמיטען.
צו ערפאהרען וואסכאדניא 29, וו. 3.

Dr Feliks Bornstein
Cegielniana 4
טעלעפאן 34-90.
ספעציאליטעט: אקושער און פרויען-קראנק
נעמט אן פון 3—6 נאכמיטאג.

Dr H. Spiro-Bornsteinowa
Cegielniana 4
טעלעפאן 34-90.
ספעציאליטעט: אקושער און פרויען-קראנק
נעמט אן פון 3—6 נאכמיטאג.

פאר 12 זל.
לערנט איהר אויס
טאנצען
פאר אנפאנגער הייבט זיך אן דער קורס דעם 3-טען פון יעדען חודש.
איינשרייבונגען אין דער טאנץ-שולע
פאלודניאווא 10.
מיט אכטונג ד. פרידוואלד.

לאדזער שאך-סימפאטיקער-פעראיין (מאניושקי 1):
היינט, 5 א זייגער נאכמיטאג
ערעפנונג פון צווייטען שאך-טורניר פאר דער מייסטערשאפט פון פוילען
אונטער'ן פראטעקטאראט — פון מארשאל יוזעף פילסודסקי.
דער אריינגאנג פאר מיטגלידער איז אומזיסט, פאר געסט 2 זלאטיס און מאל 10 זלאטיס אבאנאמענט פאר דער גאנצער צייט פון טורניר.
1635

Dr. med. H. LEICHTER
קאנסטאנטינער 9, רוג זאכאדניא
טעל. 49-66.
צאהן-כירורג
ספעצ. פון כירורגישע קראנקהייטען פון מויל, ציין, דזשענס. ציהן-פיבולעס א.ז.וו.
נעמט אן פון 1½-5 און פון 8-9 אוו. זונטאג 11-2.

Pryszcze i wągry
usuwa Hydronal Zalecony przez lekarzy. Zł. 8.— Dr. Caspary & Co., Gdańsk. 1632

וחיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת?
פארוואס לויפט יעדער אין ביורא פיעטרי-קאווער 17? ואמרת אליו, זאלסט דו איהם זאגען, אז אין דעם ביורא פיעטרי-קאווער 17, דורכגאנג (זאכאדניא 52) ווערט לויט'ן אויסטאוו געזעצליכען אלערליי בימעס, קלאוזולעס זא-בעזעצונגען אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, אפאזיציעס, אר-וואלאניעס, רעקורסען — ווענגען קאנ-צעסיעס, פעטער אין קאמיסאר.-זשאנדו, ביטעס אין אלע פאליציי-בעצירקען, שות-פות-אקטען, סטאטוטען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דארא-וויזנעס, קארנע ספראוועס, וו אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. שנעל, רעעל און ביליג!
מיט אכטונג י. מאנעלא רעכטסקאנסולענט
פיעטריקאווער 17, זאכאדניא 52.

וויכטיג פאר דאמען!!!
מאכט אייך די עלעגאנטסטע דאמען-היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלטסטע היטע איבער-ארבייט אויך אויף נייעליך
נאר פאר 2.50 זל.
גיב. געדענקט די אדרעס: 23 זאוואדזקא 23
אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער. ווערען געמאכט זיידענע, שאלי מיט זיידע אויף פילץ-היטען אין אלע פארבען אין פיינסטער
בעם. נאר פאר 7 זל. אויספיהרונג „TOLA"

Czerwoność nosa
Czerwoność twarzy i policzków usunięcie przez stosowanie Sanguirolu. Zalecony przez lekarzy. Cena dozy zł. 6.50. Dr. Caspary & Co., Gdańsk.

נאר
בעם פערברויך
„EROS"

פערפום,
זייף און
סעלנישוואסער
בלייבט מען
חעכטט-צופרידען.
JUNO לאדז, פיעטריקאווער 44
טעל. 43-83.
צו בעקומען אין אלע סקלאד-אפטעקעס און בעסערע פערפומעריע-געשעפטען.

מאדערט איעבראל
נאר פאטענטירטע
פעלד-בעטען
פערזעהן מיט דער פאבריקס-מארקע
Palma-Patent
פאר וועלכע מיר גאראנטירען.
אויך שטעטס אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל: ניקעל-בעטען קינדער-בעטען, אמעריקאנקעס, קינדער-וועגעלעך, הויכע סיני-דער-בענקלעך, שאסאלאנגעס און געבעטע מאטראצען.
ביליגסטע פרייזען! • רעעלסטע בעהאנדלונג!
לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 31-85.

ווער ס'בעקומט איצט צוגעשיקט
א נאקאז-פלאטניטשי אויפ'ן פאדאטעק אבראטאווי
(podatek obrotowy)
פאר'ן גאנצען יאהר 1926
און געפינט איין, אז מ'האט איהם צו הויך אבגעשאצט, זאל זאפארט קומען שרייבען א רעקורס אינ'ם לאנג-יעה-ריגען רעכטס-קאנסולענטען-ביורא
זינגער, זאכאדניא 36.

אבאנאמענטס-פרייז: פאר א חודש אין פוילען 5 זל., אין פראווינץ און אויסלאנד ... 24 גר., אין ... 49 גר., ... 60 גר., ... 12 ... פאר אויסלענדישע ... 100% ... 50% ...

Redaktor-wydawca: B. Hamburak   Tłocznia E. i M. Hamburskich — Łódź, Piotrkowska 10.